STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02317

VI LANG KEN MEN BAHALTN DEM EMES?

F. Honor

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווי לאַנג קען מען באַהאַלטן דעם אמת?

די אידעאָלאָגישע ירידה פון מק״י און אירע נאָכפאָלגער

פ. האָנאָר

75¢

וועגן דעם מחבר

פייוול האַנאָר איז באַקאַנט אין פּראָגרעסיווע יידישע קרייזן ווי אַ לערער, זשורנאַליסט און לעקטאָר. אין די 20־קער יאָרן איז פּ. האַנאָר געוואָרן אַ לערער אין די שלום עליכם שולן, נאָכ׳ן פאַרענדיקן דעם יידישן לערער סעמינאַר ביים אַרבעטער רינג. מיט אַ קורצער צייט שפּע־טער איז ער אַריבערגעגאַנגען צו די פּראָגרעסיווע יידישע קינדער שולן ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

פּ. האַנאָר איז געווען אַ לערער אין יידישן אַרבעטער אוניווערסיטעט און האָט אָנגעהאַלטן פאַרשיידענע פּאָזי־ציעס אין אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, אַלס אָרגאַ־נאַיזער, קולטור דירעקטאָר פון ניו יאָרקער שטאָט־קאָמי־טעט, דיסטריקט־סעקרעטאַר אין באָסטאָן און סעקרעטאַר פון שיקאַגער שטאָט־קאָמיטעט.

אין 1937 איז פּ. האַנאָר געווען „מאָרגן־פרייהייט" פאַר־וואַלטער און קאָרעספּאָנדענט אין דעטראָיט. פון 1957 ביז 1969 איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט".

ISBN 0-87898-089-X

Published by
NEW OUTLOOK PUBLISHERS
32 Union Square East • Room 801 • New York, N. Y. 10003
209 June 1972 PRINTED IN U.S.A.

אַרײַנפֿיר

אין דעם פּאַמפלעט האָב איך זיך געשטעלט די אויפגאַבע אויפצודעקן דעם שאָוויניסטישן פּנים פון דער רעוויזיאָניסטישער שפּליטער־גרופּע מק״י, אין ישראל, און אירע נאָכפאָלגער אין די פאַראייניקטע שטאַטן און נאָך אַ צאָל קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועמענס פאַרפירערישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אַרײַנגעבראַכט אַן אידעאָלאָגישע צעטומלעניש און נאַציאָנאַליסטישן טשאַד אין געוויסע פּראָגרעסיווע יידישע קרייזן.

בעת די בראָשור האָט זיך געפונען אין דרוק איז געקומען די נייעס, אַז אין ירושלים איז געשטאָרבן דער פירער און טעאָרעטישער וואָרטזאָגער פון מק״י, משה סנה, וועלכער האָט, זינט דער זעקס־טאָגיקער ישראל־אַראַבישער מלחמה, אָנגענומען אַ פּראָ־ציוניסטישע פּאָזיציע און איז געוואָרן באַוואוסט ווי אַ פאַרענטפערער פון דער דאָזיקער אַגרעסיווער מלחמה, אַ שטיצער פון דער אַנעקסיאָניסטישער פּאָליטיק פון דער גאָלדע מאיר־רעגירונג, אַ פאַרביסענער אַנטי־סאָוועטיר, אַ ברעכער פון אַנטי־אימפּעריאַליסטישער קאַמפּס־סאָלידאַריטעט און אַ רענעגאַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אויפדעקנדיק דר. סנהס רעוויזיאָניזם און אָפּאָרטוניזם קומט מיר אויס כסדר אָנצואווייזן, אַז דאָ גייט ווייט נישט אין אַ פּאָלעמיק מיט אַ יחיד, נאָר אַז דער קאַמף מוז געפירט ווערן, אויפן שאַרפסטן אופן, קעגן מק״י אַלס אַ גאַנצע און קעגן די אַלע, וואָס גרופּירן זיך אַרום איר. עס גייט אין אַ קאַמף קעגן די דאָזיקע אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן, וואָס זוכן צו שפּאַלטן די פּראָגרעסיווע יידישע רייען און שפּילן־אַרײַן אין די הענט פון דער רעאַקציאָנערער ישראל־מאַכט און איר נאָענטסטן פאַרבינדעטן — דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

אין פּאַמפלעט ווערט דערמאָנט אַ סעריע אַרטיקלען פון דעם רעדאַקטאָר פון „קאַנאַדער וואָכנבלאַט״, י. גערשמאַן, אין וועלכע ער טרעט־אַרויס קעגן משה סנהס אַנטי־סאָוועטישער, פּראָ־ציוניסטישער שטעלונג. גלייכצייטיק פאַרבלייבט אָבער י. גערשמאַן אַלס אַ שטיצער פון מק״י, גלויבנדיק, אַז עס זיינען געווען מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן סנה און די אַנדערע מק״י־פירער. ס'איז נויטיק צו באַטאָנען, אַז די וואָס האָבן אַזאַ מיינונג, באַגייען אַ טעות דערמיט, וואָס זיי זעען נישט, אָדער ווילן ניט זען, דאָס גאַנצע בילד. פון צייט־צו־צייט האָבן זיך יאָ געמערקט ניט־וועזנטלעכע חלוקי דעות צווישן סנה און געוויסע פירער פון מק״י. איך גלויב אָבער, אַז די פאַקטן, וועלכע איך האָב אַרויסגעבראַכט, וועלן קלאָר ווייזן, אַז מק״י און אירע תלמידים אויסערהאַלב ישראל, האָבן כסדר אָנגענומען די אָפּאָרטוניסטיש־רעוויזיאָניסטישע ליניע, וואָס דר. סנה האָט פאָרמולירט ביי פאַרטיי־צוזאַמענפאָרן און וואָס איז דאָרט תמיד גוטגעהייסן געוואָרן.

נאַציאָנאַליזם און אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע

עס מערקט זיך אַ נייע ווענדונג אין דער פּראָגרעסיווער יידישער באַוועגונג. עס ווייזן זיך סימנים, אַז מען האָט אָנגעהויבן אין פּראָגרעסיווע יידישע קרייזן זיך אויסטשוכען פון דעם שאָוויניסטישן טשאַד, וואָס האָט זיי אַרומגעכאַפּט נאָך דער ישראל־אַראַבישער מלחמה פון 1967.

י. גערשמאַן, רעדאַקטאָר פון „קאַנאַדער וואָכנבלאַט", איז אַרויסגעקומען מיט אַ שאַרפער קריטיק קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער ליניע פון משה סנה, דער פירער פון מק״י, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער צייטשריפט, אין פיר אַרטיקלען (פעב. 3 און 17, מערץ 10 און אַפּריל 21, 1971). י. גערשמאַן ווייזט־אָן: „מיט געוויסע איינשטעלונגען זיינע [סנהס], באַזונדערס זינט נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, איז נישט נאָר בין איך ניט מסכים, נאָר איך האַלט, אַז מען דאַרף אַרויסטרעטן קעגן זיי".

אין גערשמאַנס קריטיק קומט צום אויסדרוק די וואַקסנדיקע אומצופרידנקייט ביי אַ טייל נאָכפאָלגער פון דער מק״י־ליניע פון דעם, וואָס די דאָזיקע רעוויזיאָניסטישע גרופּע שטיצט דעם ציוניזם און די אַגרעסיווע פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג, און פאַרענטפערט די ישראלדיקע מיליטאַריסטן און שפּאַרבער. ווי באַוואוסט, איז פאָרגעקומען, אין 1965, אַ שפּאַלטונג אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישראל אויף צוויי גרופּן — רק״ח און מק״י. רק״ח געפינט זיך אונטער דער פירערשאַפט פון מאיר ווילנער און תופיק טובי. די פירערשאַפט פון מק״י האָבן דעמאָלט איבערגענומען משה סנה, ש. מיקוניס און אסתר ווילענסקא. די שפּאַלטונג איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישער אָריענטאַציע פון מק״י, וועלכע האָט, זינט דער מלחמה פון יוני 1967, אינגאַנצן אויפגעגעבן אירע קלאַסן־פּאָזיציעס. די סנה־מיקוניס גרופּע האָט אָנגענומען דעם לאָזונג, וואָס ווערט פאַרשפּרייט פון די הערשנדיקע קרייזן פון ישראל, אַז דאָס איז געווען אַ מלחמה פון „זעלבסט־פאַרטיידיקונג". די פירער פון מק״י (און זייערע נאָכפאָלגער אין דער „מאָרגן־פרייהייט") זאָגן, אַז זיי שטיצן די יו־ען רעזאָלוציע פון נאָוועמבער 22, 1967, וואָס קאָן פירן צו אַ געזיכערטן שלום אויפן מיטל־מזרח. ווי מיר וועלן אָבער שפּעטער זען פאַקריפּלען זיי דעם מיין פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע כדי צו באַרעכטיקן די פאָדערונגען פון דער ישראל־רעגירונג פאַר אַנעקסיע פון אָקופּירטע שטחים, אונטערן אויסרייד פון איינשטעלן „געזיכערטע גרענעצן". אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג האָט די דאָזיקע אָפּאָרטוניסטישע גרופּע פאַרלוירן יעדן אָנהאַלט. רק״ח ווערט אָנערקענט פון דער קאָמוניסטשער וועלט־באַוועגונג אַלס די איינציקע קאָמ. פּאַרטיי פון ישראל. דאָס שטערט אָבער נישט מק״י זיך אויך צו באַצייכענען אַלס אַ ישראלדיקע „קאָמוניסטישע פּאַרטיי". אירע אָנהענגער דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין קאַנאַדע און

אין נאָך אַ צאָל קאַפּיטאַליסטישע לענדער, רעדן וועגן „צוויי קאָמוניסטישע פּאַרטייען" אין ישראל.

י. גערשמאַן איז נישט גרייט אויפצוגעבן די אָפּאָרטוניסטישע ליניע פון מק"י. ער זאָגט באַלד אין דעם ערשטן אַרטיקל: „איך פּערזענלעך און אַ מערהייט מיטגלידער פון דער פּראָגרעסיווער יידישער באַוועגונג, פון די מערסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, זיינען מער גענייגט, אין אַלגעמיין גע־נומען, צו דער פּאָליטישער שטעלונג פון מק"י. ס'זעט זיך אָבער אָן פון זיינע אַרטיקלען, אַז ער האָט אָנגעהויבן דערפילן דעם פּאָליטישן באַנקראָט פון מק"י, און איז באַאומרואיקט געוואָרן פון איר איזאָלירונג פון סאָציאַ־ליסטישן לאַגער און פון דעם, וואָס אירע אָנהענגער רייסן זיך אַלץ מער אָפּ פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג און דערווייטערן זיך פון קלאַסן־קאַמף און פון קאַמף פאַר סאָציאַליזם. ער דריקט זיך אויס: „עס מאַטערט אויך די פראַגע: צי שליסט מען זיך ניט אַמאָל אויס פונעם אָרגאַניזירט־קאָמו־ניסטישן כלל? [דאָס איז ניט בלויז אַ פּראַקטישע פּראַגע]".

י. גערשמאַן מוז מיט באַדויערן פעסטשטעלן, אַז די פּאַרזוכן פון מק"י צו שאַפן אַ מאַסן־באַזע, און צו געווינען אָן אָנהאַלט אין דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן ניט געהאַט קיין שום ממשות. ער זאָגט גאַנץ אָפנהאַרציק: „די ביז־איצטיקע דיסקוסיע איז נויטיקערווייז געווען באַגרענעצט, כמעט און דורכאויס, צו די ראַמען פון די פּראָגרעסיווע יידישע קרייזן, אָן קאָנסטרוקטיווער באַטייליקונג פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען — נישט צוליב דער שולד פון די באַטייליקטע [זאָל עס אונטערגעשטראָכן ווערן]. דעריבער שטייט אַ גרויסער פראַגע־צייכן וועגן איר ווירקזאַמקייט".

מיר האַלטן פאַר נויטיק צו ברענגען עטלעכע אויסצוגן פון גערשמאַנס אָפּהאַנדלונגען. אין צווייטן אַרטיקל פון דער סעריע לייענען מיר:

„ענטפּערנדיק אויף אַ קריטיק פון זיין [סנהס] שטעלונג לגבי רע־טאַליאַציע־איבערפאַלן פון דער ישראל־אַרמיי [אויף אַראַבער] באַשטייט סנה, אַז אַזעלכע איבערפאַלן זיינען פון אַ ,פּאַרטיידיקונגס־כאַראַקטער'. אין זיין ,ענטפער צו אַ חשובן חבר', אָפּגעדרוקט אין אַ ספּעציעלן פּאַמפּלעט, דאַטירט: ירושלים, מאַי 15, 1970, האָט משה סנה שפּאַ־צירט דורך די 22 יאָר עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, ווי אַזוי די מדינה איז געבוירן געוואָרן און ווי זי קעמפט די גאַנצע צייט פאַר איר קיום. ער נעמט־אריין די גאַנצע 22 יאָר, ווי יאָרן פון ,פּאַרטיי־דיקונג'. ווילט זיך זייער שטאַרק וויסן: באַטראַכט סנה דאָס טרויע־עריקע קאַפּיטל פון דער סיני־עקספּעדיציע אין 1956, מיט דער שטיצע פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, אויך אַלס אַן אַקט פון פּאַרטיידיקונג? איז דאָס אמת? העלפט מען דערוועגן זיכערקייט פאַר ישראל מיט פּאַרלירן דעם זכרון פון דער אוואַנטורע פון 1956?

„...זיין גאַנצער צוגאַנג צו דעם [צו דער ראָל פון סאָוועטן־פאַר־באַנד אין מיטל־מזרח און צו דער פראַגע פון סאָוועטישע יידן, — פ. ה.] איז דורכאויס, אי פאַלש, אי שעדלעך. ווי קריטיש איינער זאָל ניט זיין לגבי געוויסע אַספּעקטן פון דער שטעלונג פון סאָוועטן־פאַר־באַנד צום ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, און וועגן יידן אין סאָוועטן־

פֿאַרבאַנד, מוז מען זיך אָפּטײלן פֿון משה סנה און זײַן צוגאַנג. ער גליטשט זיך גרינג און שנעל אין אַנטי־סאָוועטישן לאַגער. אױף דעם זאָגט עדות זײַן גאָר לעצטער אינערוויו, געדרוקט אין דער בײַלאַגע פֿון בירגערלעכן „הארץ" [דעם 9טן יאַנואַר, 1971], אין וועלכן מיר לייענען באַלד פֿון אָנהויב: „דער פּאָרזיצער פֿון מק"י [משה סנה] גלויבט, אַז מיר וועלן זוכה זײַן צו זען אין די נאָענטע יאָרן דעם צו־זאַמענברוך פֿון דער סאָוועטישער אימפּעריע און די באַפֿרײַאונג פֿון די פֿעלקער, וואָס זײַנען אין איר אָפּהענגיק. דערמאָנט עס אים ניט אין דער פֿאַרלוימדונג: „רויטער אימפּעריאַליזם" און איז עס ניט אַ טייל פֿון דעם קאַמף פֿון דער וועלט־רעאַקציע קעגן אַלע פֿעלקער, וואָס קעמפֿן פֿאַר פֿרײַהייט און ווערן אין זייער קאַמף געשטיצט דורך דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד...?"

אין זײַן דריטן אַרטיקל שרײַבט י. גערשמאַן:

„צוליב דעם, וואָס ער [סנה] האַלט זיך כּסדר ביי דער מאָס פֿון דעם [פֿאַרטיידיקונגס־] כאַראַקטער פֿון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה און באַרעכטיקט דערפֿאַר אַלערליי עקספּאַנסיעס און אַגרעסיווע אַקטן מצד ישראל־כּוחות אין די אָקופּירטע געביטן, איז ער איינער פֿון די, וואָס שטעלן אין קאָן די ישראלדיקע אויסערן־פּאָליטיק אויף אַ באַנק־ראָטירטער קאָרט. אַ פּאָליטיק אויפֿן יסוד פֿון דער קאַלטער מלחמה, געצילט קעגן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, איז אַן אומגליק פֿאַר מדינת ישראל און פֿאַרלייגט ברען־שטאָף פֿאַר אַ וועלט־קאַטאַסטראָפֿע. קעגן דעם מוז דאָס ישראל־פֿאָלק, צוזאַמען מיט אַלע שלום־ליבנדיקע מענטשן, אי־בער גאָר דער וועלט, קעמפֿן מיט אַלע כּוחות".

מען מוז, פֿאַרשטייט זיך, מסכּים זײַן מיט די באַשולדיקונגען, וואָס י. גערשמאַן האָט געבראַכט קעגן דר. סנה, אָנווייזנדיק אויף זײַן ראָל אַלס אַ פֿאַרענטפֿערער פֿון ציוניזם, און ווייטער אָנווייזנדיק, אַז סנה האָט צוליב דעם, באַקומען אַן אומבאַגרענעצטע פּלאַטפֿאָרמע אויף דער ישראל־ראַדיאָ, אין רעדעס און אינטערוויוס, אין דער פּרעסע און אין כּנסת. דער רעדאַקטאָר פֿון „קאַנאַדער וואָכנבלאַט" האָט אויפֿגעוויזן, אַז סנה האָט זיך געשטעלט אין דינסט פֿון די אַגרעסאָרס אין ישראל, האָט געשטיצט די מיליטאַריסטן און גענעראַלן און באַרעכטיקט די טעראָר־אַקציעס פֿון דער ישראל־אַרמיי קעגן דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג אין די אָקופּירטע גע־ביטן ווי אַ פֿאָרם פֿון „נאַציאָנאַלער פֿאַרטיידיקונג". י. גערשמאַן איז אַרויס־געטראָטן קעגן דעם, וואָס סנה איז פֿולשטענדיק אַריבערגעגאַנגען צום לאַ־גער פֿון די אַנטי־סאָוועטן־העצער און צעפּלאַקערער פֿון דער קאַלטער מלחמה.

מערקווירדיק איז, וואָס י. גערשמאַן זעט נישט קיין סתירה אין דעם, וואָס ער האָט אַזוי שאַרף אַטאַקירט דר. סנה און האָט גלייכצייטיק דערקלערט, אַז ער איז „מער געניגט צו דער פּאָליטישער איינשטעלונג פֿון מק"י". ער האָט דאָס באַרעכטיקט דערמיט, וואָס עס האָבן זיך געשאַפֿן מיינונגס־פֿאַרשיידנ־הייטן צווישן דער מק"י־פֿירערשאַפֿט גופֿא. גערשמאַן באַהויפּטעט, אַז ניט אַלע פֿירער פֿון מק"י זײַנען מסכּים מיט סנהס פֿולשטענדיקן אַרייַנגליטשן זיך אין רעכטן לאַגער. דער רעדאַקטאָר פֿון „וואָכנבלאַט" וויל אָבער ניט

איינזען, אַז די מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן זיינען ניט קיין וועזנטלעכע און ענדערן בשום אופֿן ניט דעם אָפּאָרטוניסטיש־רעוויזיאָניסטישן כאַראַקטער פֿון מק״י. וואָס זיינען די אמתע פֿאַקטן? דעם 8־טן מיי, 1971, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די 16־טע סעסיע פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון מק״י, וואו סנה איז אויפֿגעטראָטן אַלס דער הויפּט־רעפֿערענט, פֿאָרמולירנדיק די טעזיסן, אין וועלכע ער האָט אויסגעלייגט די קומענדיקע פּאָליטישע ליניע פֿאַר זיין פּאַרטיי. ביי דער 17טער סעסיע, מיט וואָסערע צוויי חדשים שפּעטער, איז פֿאַרענדיקט געוואָרן די דיסקוסיע אַרום די טעזיסן. זיי זיינען גוטגעהייסן געוואָרן מיט אַכצן שטימען. ס׳איז נישט אָפּגעגעבן געוואָרן קיין איין שטים קעגן. דריי אָנטיילנעמער האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פֿון שטימען. ס׳איז ריכטיק, אַז אין דער דיסקוסיע זיינען געווען מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן. אסתר ווילענסקא האָט פֿאַרעפֿנטלעכט (יוני 17) אַן אַרטיקל אין דעם העברייאישן אָרגאַן פֿון מק״י „קול העם“, מיט געוויסע אויסזעצונגען קעגן סנהס אָפּאָרטוניסטישער פּראָגראַם. ווען ס׳איז אָבער געקומען צום שטימען האָט קיין איין מק״י־פֿירער זיך נישט דערוועגט אויפֿצוהייבן אַ האַנט קעגן סנהס שאָוויניסטישע טעזיסן און זיי זיינען געוואָרן די פּאָליטישע פּלאַטפֿאָרמע פֿון מק״י. דעם 1־טן מערץ, 1972, זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין „פֿריי ישראל“, וואָס ווערט פּובליקירט פֿון מק״י, די טעזיסן, וואָס האָבן געדאַרפֿט פֿאַרהאַנדלט ווערן ביים 17־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר. מיר זעען פֿון דער פֿאָרגעבראַכטער פּראָגראַם, אַז מק״י, וואָס באַצייכנט זיך איצט אַלס „די לינקע אָפּאָזיציע צו דער [ישראל]־רעגירונג“. האָט זיך נאָך מער אַ רוק געטאָן אויף רעכטס, איז נאָך מער אַוועק אין אַנטי־סאָוועטישן לאַגער און איז נאָך ווייטער פֿאַרקראָכן אין זומפּ פֿון אָפּאָרטוניסטישן רעוויזיאָניזם. מיר געפֿינען דאָרט אַזעלכע אויסדרוקן ווי „די אַנטי־דעמאָקראַטישע, ביוראָקראַטישע און גרויסמאַכטישע פֿאַרקריפּלונג פֿונעם סאָוועטישן רעזשים“ און „מק״י וואַרפֿט־אָפּ דאָס פֿאַראַלגעמיינערן דעם ציוניזם אַלס ,אימפּעריאַליסטישע וועלט־אַגענטור׳ און יעדע אַנדערע פֿאָרם פֿון פּסלען און צוקלעפּן עטיקעטן [צום ציוניזם]... מק״י פֿאָדערט צו באַציִען זיך צום ציוניזם ווי צו יעדער אַנדערער נאַציאָנאַלער באַוועגונג...“

(אַ קליינע מינאָריטעט, וואָס האָט געהאַט געוויסע, מינדערוויכטיקע אויסזעצונגען קעגן די טעזיסן, האָט געצויגן אַן אומבאַדייטנדיקע צאָל שטימען ביים צוזאַמענפֿאָר.)

צום באַדויערן האָט י. גערשמאַן זיך נאָך ווייט ניט באַפֿרייט פֿון דעם אַנטי־סאָוועטישן גיפֿט, וואָס שטראָמט אַן אויפֿהער פֿון מק״י און אירע רעוויזיאָניסטישע תּלמידים אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און נאָך קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ער שרייבט, למשל, אַז עס איז פֿאָרגעקומען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד „אַן ערנסטער אָפּנויג פֿון מאַרקסעס און לענינס לערע“. ער שלאָגט פֿאָר, אַז עס זאָל איינגעשטעלט ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער סעמינאַר פֿאַר דער שטודיע פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, און זאָגט, אַז אין אַזאַ סעמינאַר „וואָלטן סנהס טעזיסן געדאַרפֿט האָבן אַן אָרט“. ס׳איז שווער צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי גערשמאַן קען מאַכן אַזאַ פֿאָרשלאָג נאָך די אַלע שווערע באַשולדיקונגען וואָס ער האָט געוואָרפֿן קעגן

סנהען. ס'איז נאָך שווערער צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי ער קען אָננעמען, אַז די נאַציאָנאַליסטישע, דעמאַגאָגישע „טעזיסן" פֿון דעם אָפּאָרטוניסט סנה וואָלטן געקענט „האָבן אַן אָרט" אין אינטערנאַציאָנאַלע מאַרקסיסטישע שטור־דיעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראַגע, אָדער וועגן וואָסער עס איז אַנדערער פּראַגע. י. גערשמאַן זאָגט דאָך, אַז ער האַלט זיך פֿאַר אַ פֿריינט פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. נאָר איז דען מעגלעך צו פֿירן אַ ווירקזאַמען קאַמף קעגן די סאָוועטישע שונאים אויב מען פֿאַרלירט דעם גלויבן אין דער לעניניסטישער ליניע פֿון דער סאָוועטן רעגירונג?

נעמענדיק אין אַכט י. גערשמאַנס וואַקלדיקייט, דאַרף מען זיך ניט חידושן, וואָס ער האָט, אין ווייטערדיקע אַרויסטרעטונגען, אויף שנעל גע־מאַכט אַ השיבנו נאַזאַד (צוריקטריט) און קומט ניט נאָר אַרויס ווי אַ פֿאַר־ענטפֿערער פֿון דער „מאַרגן־פֿרייהייט" און מק"י, נאָר אַטאַקירט די שטע־לונג פֿון דעם פּראָגרעסיוון יידישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" וואָס דערשיינט אין מאָסקווע.

די פּראָגראַם פֿון מק"י

לאָמיר זיך באַקענען מיט דער פּראָגראַם וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון מק"י האָט גוטגעהייסן ביי דער 16־טער און 17־טער סעסיע.

אין דער פּראַגע פֿון אַנעקסירן געביטן, וואָס זיינען פֿאַרנומען געוואָרן דורך דער ישראל־אַרמיי אין דער מלחמה פֿון 1967 איז ניט נאָר נעמט מק"י די זעלביקע שטעלונג, וואָס עס נעמען די הערשער פֿון ישראל, נאָר איר פֿירערשאַפֿט באַרימט זיך נאָך דערמיט. ס'איז אגב נויטיק צו אונטערשטרייכן, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן דער פּערזענלעכער מיינונג פֿון משה סנה, נאָר וועגן דער פּאָליטישער ליניע פֿון מק"י. סנה האָט געזאָגט אין זיין רעפֿעראַט:

„מיר קענען מיט גרויס צופֿרידנקייט פֿעסטשטעלן, אַז פֿאַרשיי־דענע פּערזענלעכקייטן און קרייזן אין ישראל האָבן זיך צוגעאייגנט אונדזערע לאָזונגען.. נאָך בעת דער פּאָליטישער דעבאַטע אין כנסת, דעם 26־טן מיי, 1970, האָט דער פּרעמיער [גאָלדע מאיר — פּ. ה.] קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפֿן די פֿאָדערונגען פֿון די מק"י־פֿאַרשטייער, אַז די רעגירונג זאָל דערקלערן וועגן איר גרייטקייט צוריקצוציען די באַ־וואָפֿנטע כוחות צו גרענעצן, אויף וועלכע עס וועט איינגעשטימט ווערן אין שלום־אָפּמאַכן; בעת דער שפּעטערדיקער דעבאַטע אָבער, דעם 14טן אויגוסט, 1970, האָט זי אַליין פֿאָרגעשלאָגן אַ נוסח, וואָס איז אידענטיש מיטן נוסח פֿון מק"י".

אָבער וואָס האָט געמיינט ביי סנהן „צוריקציען די באַוואָפֿנטע כוחות צו גרענעצן אויף וועלכע עס וועט איינגעשטימט ווערן אין שלום־אָפּמאַכן?" אין ווייטערדיקן גאַנג פֿון זיין רעפֿעראַט האָט ער קלאָר געזאָגט, אַז דאָס הייסט ביי אים אויסברייטן די טעריטאָריע פֿון ישראל אויפֿן חשבון פֿון די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער דורך דער אינקאָרפּאָרירונג פֿון פֿאַרנומענע שטחים. ער האָט אפֿילו אָנגעוויזן די פֿאָרם, וואָס די דאָזיקע אַנעקסיעס

וועלן דאַרפֿן אָננעמען. ער האָט אויך פֿאַרשוויגן דעם פֿאַקט, אַז דער געענדערטער נוסח אין דער דערקלערונג פֿון דער גאָלדע מאיר־רעגירונג מיינט אַבסאָלוט גאָרנישט כּל זמן די ישׂראל־מאַכט זאָגט זיך אָפּ דורכצופֿירן די יו־ען רעזאָלוציע, וואָס פֿאָדערט אַ צוריקציאונג מצד דער ישׂראל־אַרמיי פֿון די אַראַבישע געביטן, וואָס זי האָט פֿאַרנומען אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

סנה האָט אויך פֿאַרשוויגן, אַז די ענדערונג אין דער פֿאָרמולירונג פֿון דער ישׂראל־רעגירונג, אין וועלכער די פֿאָדערונגען פֿאַר אַנעקסיעס ווערן געבראַכט אין אַ „דיפּלאָמאַטישער" שפּראַך, זיינען געמאַכט געוואָרן, כּדי צו שטעלן ישׂראל אין אַ בעסערער לאַגע, אין דער יו־ען און צו באַרואיקן די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג פֿון דער וועלט, וואָס האָט פֿאַרלוירן איר צוטרוי צו די פֿירער פֿון דער יידישער מדינה, און אַז זיי זיינען ניט געקומען דורך די באַמיאונגען פֿון דער מק"י־גרופּע, וועלכע האָט זייער אַ קנאַפּן איינפֿלוס אין ישׂראל. סנהס גרויסן זיך, אַז מק"י איז אַ „דעצידירנדיקער פֿאַקטאָר" אין דער ישׂראל־פּאָליטיק דערמאָנט אין דער פֿאַבל וועגן דער פֿליג, וואָס זיצט אויפֿן רוקן פֿון אַן אייזל און באַרימט זיך, אַז „זיי ביידע" אַקערן דאָס פֿעלד. דער פֿאַקט איז, אַז די שאָוויניסטישע פֿירער פֿון מק"י האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין אימפּעריאַליסטישן רייטוואָגן פֿון דער גאָלדע מאיר־רעגירונג.

סנה פֿעלשט געשיכטע

דר. סנה האָט אָנגעהויבן זיין רעפֿעראַט מיט אַ פֿעלשונג פֿון געשיכטע. ער האָט געזוכט צו שאַפֿן דעם איינדרוק, אַז ישׂראל האָט, זינט 1948, ווען זי איז געקומען צום לעבן, געפֿירט בלויז פֿאַרטיידיקונגס־מלחמות און האָט זיך בלויז פֿאַרטיידיקט קעגן אַראַבישע אָנגריפֿן, פֿאַרגעסנדיק אַזעלכע אַוואַנטורעס ווי די סיני־אַקציע פֿון 1956, ווען ישׂראל האָט געמאַכט אַ פּלוצימדיקן איבערפֿאַל אויף עגיפּטן, מיט דער הילף פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרייך, שוין אָפּגערעדט פֿון דער אַגרעסיווער מלחמה פֿון 1967.

מען וואָלט געקענט אויסרעכענען נאָך אַ סך אַגרעסיווע מיליטערישע שריט און טעראָר־אַקציעס מצד ישׂראל קעגן אירע אַראַבישע שכנים. עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען די איבערפֿאַלן אויף דעיר יאַסין, קוויביא, קאַפֿר קאַסעם און עס סאַמו. אין דער נאַכט פֿון דעם 9־טן אויפֿן 10־טן אַפּריל 1948, זיינען, אין דעם אַראַבישן דאָרף דעיר יאַסין אויסגעהרגעט געוואָרן 254 מענער, פֿרויען, זקנים און קינדער. די שחיטה איז דורכגעפֿירט געוואָרן פֿון דעם אירגון און נאָך אולטראַ־רעאַקציאָנערע טעראָריסטן־גרופּן. אין 1953 זיינען אומגעקומען אין דעם ירדנישן דאָרף קוויביא 53 אַראַבער, די מערסטע פֿון זיי פֿרויען און קינדער, אין אַ שיסעריי פֿון ישׂראלדיקע מיליטער־אָפּטיילונגען, אַלס רעטאַליאַציע אויף אַן אַראַבישער אַקציע. דעם 29־סטן אָקטאָבער, 1966, האָט די ישׂראל־אַרמיי געמאַכט אַן אַטאַקע אויף דעם אַראַבישן דאָרף קאַפֿר קאַסעם, 51 מענטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן און 13 זיינען פֿאַרוואונדעט געוואָרן, צו ברענגען בלויז עטלעכע ביישפּילן.

אין 1966 האָט דער יו־ען זיכערקייט־ראַט איינשטימיק געטאַדלט אַ ישׂראל־אַטאַקע אויפֿן אַראַבישן דאָרף עס סאַמו. דער דעמאָלטדיקער אַמעריקאַנער פֿאָרשטייער צו דער יו־ען, אַרטור גאָלדבערג, האָט דערקלערט אין

דער דעבאַטע וועגן דעם דאָזיקן איבערפֿאַל:

„...מען מוז באַדויערן די פֿריערדיקע אינצידענטן [די אַראַבישע אַקציעס — פּ. ה.]... דער אבזיכטלעכער באַשלוס פֿון דער [ישראל] רעגירונג [צו ענטפֿערן אויף דעם מיט טעראָר] מוז אָבער געמשפּט ווערן ווי אַ באַוואוסטזיניקער אַקט מצד פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿירער פֿון אַ לאַנד, וואָס איז אַ מיטגליד פֿון דער יו־ען. מען מוז דעריבער שטעלן אָט־די אַקציע אויף גאָר אַן אַנדער מדרגה ווי די פֿריערדיקע אינצי־דענטן...".

אפילו אַרטור גאָלדבערג האָט געמוזט נעמען אַזאַ שאַרפֿע שטעלונג קעגן ישראל!

געצוואונגענע עוואַקואַציעס פֿון אַראַבישע דערפֿער זיינען פֿאָרגעקומען אַ סך פֿריער פֿאַר דער 1967 מלחמה (איקרעט, עט־טירא, יאלאמא און נאָך). מ׳ר ווילן דאָ נישט אַריינגייך אין אַנדערע רדיפֿות קעגן אַראַבער, ווי קאָנ־פֿיסקירונג פֿון באָדן און אייגנטום, אויסנאַם־געזעצן, אָפּטע אַרעסטן, באַגרע־נעצונג פֿון דער פֿרייהייט פֿון רייזע, קלענערער אַרבעטס־לוין א. אז. וו. טע־ראָר פֿון וועלכן צד דאָס זאָל ניט קומען, איז ניט דערלאָזבאַר און מוז גע־טאַדלט ווערן. עס דאַרף, דוכט זיך, זיין קלאָר פֿאַר יעדן איינעם, אַז ביקסן, האַרמאַטן און עראָפּלאַנען וועלן קיינמאָל ניט ברענגען קיין קאָ־עקזיסטענץ צווישן יידן און אַראַבער. כדי דאָס צו דערגרייכן איז נויטיק אַ פֿרידלעכער אויסגלייך, לויט דער יו־ען רעזאָלוציע פֿון נאָוועמבער 1967.

אין דעם ערשטן פּאַראַגראַף פֿון זיין פֿאָרטראַג ביים 16־טן פּלענום פֿון צ. ק. האָט סנה געזאָגט:

„דער ישראל־אַראַבישער סכסוך אונטערשיידט זיך פֿון פֿיל אַנ־דערע סכסוכים צווישן שכנותדיקע מדינות מיט דעם, וואָס ער איז פֿון גרונט אויס נישט קיין... סכסוך וועגן שטחים... נאָר אַ סכסוך וועגן דער עצם עקזיסטענץ פֿון אַ יידישער מדינה אין דאָזיקן ראַיאָן. די נע־גירונג פֿון דאָזיקן רעכט, די נעגירונג פֿון אויפֿשטעלן אַ יידישע מדינה, מדינת ישראל, און נישט דער פֿאַרנעם פֿון איר שטח — דאָס האָט דער־פֿירט צום מלחמה־אויסברוך פֿון 16־טן מיי, 1948 און צום פֿעלן פֿון שלום ביז היינטיקן טאָג".

דער „טעאָרעטיקער" פֿון מק"י האָט ווידער אַמאָל געשטעלט דעם אמת מיטן קאָפּ אַראָפּ ווען ער האָט געזאָגט, אַז עס גייט דאָ נישט אין אַ „סכסוך וועגן שטחים" און „נישט וועגן דעם פֿאַרנעם פֿון איר [ישראלס] שטח". ס׳איז גוט באַוואוסט, אַז די גרעסטע אַראַבישע מלוכה, עגיפּטן, ווי אויך ירדן האָבן שוין לאַנג אָנגענומען די יו־ען רעזאָלוציע 242, וואָס פֿאַרזיכערט די עקזיסטענץ פֿון ישראל. אין מערץ 1972 האָט סיריע אויך אָנגענומען די רעזאָלוציע. דער אָפּשטעל אין דערגרייכן שלום אויפֿן מיטל־מזרח איז בלויז דאָס, וואָס די ישראל־רעגירונג וויל אינקאָרפּאָרירן אין „אויסגעברייטערטע" גרענעצן פֿון דער מדינה אָקופּירטע טעריטאָריעס און ווייזט־צוריק אַ גע־רעכטע לייזונג פֿון דער פּליטים־פּראָבלעם, לויט די יו־ען באַשלוסן. דער פּרעזידענט פֿון עגיפּטן, אַנוואַר סאַדאַט און נאָך עגיפּטישע מלוכה־פֿירער האָבן פֿיל מאָל דערקלערט, אַז די עגיפּטישע רעגירונג איז גרייט איינצוגיין

אויף אַ פּאָליטישער שליכטונג אויפֿן מיטל־מזרח און איז וויליק צו קומען צו אַ שלום־אָפּמאַך מיט ישראל אויב די ישראל־רעגירונג וועט דורכפֿירן די רעזאָלוציע 242 פֿונעם זיכערקייט־ראַט פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער. ישראל האָט דאָס אָבער צוריקגעוויזן.

סאַדאַטס אויסדריקלעכע דערקלערונג וועגן דעם איז געקומען אין אַן ענטפֿער אויף אַ בריוו, וואָס דער יו־ען פֿאַרמיטלער, דר. גונאַר יאַרינג, האָט געשיקט, דעם 8־טן פֿעברואַר 1971, גלייכצייטיק, צו עגיפּטן און ישראל. יאַרינג האָט זיך אָנגעפֿרעגט ביי דער רעגירונג פֿון ישראל, צי זי איז וויליק צוריקצוציען זיך פֿון די פֿאַרנומענע שטחים אין אויסטויש פֿאַר אַ פֿולשטענדיקער גאַראַנטיע פֿון איר זיכערקייט. ביי עגיפּטן האָט יאַרינג געפֿרעגט, צי זי איז גרייט צו געבן אַזאַ גאַראַנטיע. סאַדאַט האָט געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפֿער. ער האָט באַטאָנט, אַז עגיפּטן וועט אונטערשרייבן אַלס אַ טייל פֿון דער שליכטונג פֿון דעם מיטל־מזרח־קריזיס, אַ שלום־אָפּמאַך מיט ישראל און וועט נאָכקומען נאָך פֿאַרפֿליכטונגען פֿאַר דער גאַראַנטיע פֿון דער זיכערקייט פֿון מדינת־ישראל. די ישראל־רעגירונג האָט צוריקגעוויזן יאַרינגס פֿאָדערונג, אונטערן אויסרייד, אַז ער האָט אַריבערגעשטיגן זיין מאַנדאַט אַלס יו־ען פֿאַרמיטלער.

נאָכפֿאָלגנדיק די עקספּאַנסיאָניסטישע פּאָליטיק פֿון די מאַכט־האָבער פֿון ישראל האָט סנה אין זיין רעפֿעראַט ביי דער 16־טער סעסיע פֿון צענטראַל קאָמיטעט פֿון מק״י אויך באַצייכנט סאַדאַטס אָנבאָט ווי אַ „דיקטאַט“. סנה האָט געזאָגט:

„...פּרעזידענט סאַדאַט האָט דערקלערט אין אַן ענטפֿער צו יאַרינגן, אַז מצרים איז גרייט צוצוטרעטן צו אַ שלום־הסכם מיט ישראל, אָבער מיט אַ באַדינג פֿון אַ צוריקטריט פֿון די ישראלדיקע באַוואָפֿנטע כוחות פֿון אַלע דעראָבערטע שטחים בעת דער 6־טאָגיקער מלחמה, מיטן באַדינג פֿון אַ צוריקטריט צו די ליניעס פֿון 4־טן יוני, 1967 [ווי אויך מיטן באַדינג פֿון אומקערן פֿון אַלע פּליטים, וואָס ווילן דאָס פֿאַרלאַנגען] — און די ישראל־רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאַרזוך פֿון דעם דאָזיקן דיקטאַט“.

דער אמת אָבער איז, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן אַ „דיקטאַט“, נאָר וועגן אַ באַרעכטיקטן פֿאַרלאַנג פֿון עגיפּטן, אַז ישראל זאָל אָננעמען דעם באַשלוס פֿון דער יו־ען. צוליב דער פֿאַרעקשנטער שטעלונג פֿון די מאַכט־האָבער פֿון ישראל רירן זיך די פֿאַרהאַנדלונגען נישט פֿון אָרט. עס זיינען אויך אָפּגעשטעלט געוואָרן די פֿאַרהאַנדלונגען וועגן דער דערעפֿענונג פֿון סועץ־קאַנאַל. עגיפּטן האָט איר פּאָזיציע נישט געביטן. דעם 16־טן אָקטאָבער, 1971, האָט דער עגיפּטישער אויסערן־מיניסטער, מאַמוד ריאַד, אין אַ רעדע ביי דער אַלגעמיינער אַסעמבלי פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער אָנגעוויזן: „אויב ישראל זאָל היינט לאָזן וויסן, אַז זי וועט צוריקציען אירע [מיליטערישע] כוחות צו דער [גרענעץ]־ליניע פֿון יוני 5, 1967 [פֿון פֿאַר דער 6־טאָגיקער מלחמה — פּ. ה.] קאָן תיכּף דערגרייכט ווערן אַ שלום אויפֿן מיטל מזרח“. אַזעלכע דערקלערונגען קומען זייער אָפֿט פֿון די מלוכה־פֿירער פֿון עגיפּטן.

די מלוכה־פֿירער פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָבן דערקלערט, ביי צענדלי־

קער געלעגנהייט, אַז זיי שטיצן, אָן וואָסער עס איז קווענקלעניש, אַ פּאָליטישע לייזונג פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט און אַז אַזאַ לייזונג דאַרף אַריינגעמען אַ פולשטענדיקע גאַראַנטיע פון דער זיכערקייט פון דער יידישער מדינה. סאָוועטישע פירער ווייזן כסדר אָן, אַז דאָס איינציקע, וואָס שטייט אין וועג פון אַ געזיכערטן, דויערהאַפטן מיטל־מזרח שלום איז דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער גאָלדע מאיר־רעגירונג דורכצופירן די יו־ען־רעזאָלוציע פון נאָוועמבער, 1967. ס׳וועט זיין גענוג צו דערמאָנען די דערקלערונג פון דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער סאָוועטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, לעאָניד ברעזשנעוו, ביים 24־סטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן מערץ, 1971, אין מאָסקווע. טאַדלענדיק די זעקס־טאָגיקע מלחמה ווי אַן אַגרעסיוון קריג מצד ישראל האָט אָבער דער סאָוועטישער פירער צו דער זעלביקער צייט באַטאָנט:

„דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז גרייט אָנטיילצונעמען, צוזאַמען מיט אַנדערע גרויס־מאַכטן, שטענדיקע מיטגלידער פון [יו־ען] זיכערקייט־ראַט, צו געבן אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס פאַר אַ פּאָליטישער רעגולירונג אין מיטל־מזרח. נאָך אַזאַ דערגרייכונג וועט מען קענען באַטראַכטן ווייטערדיקע שריט צו לינדערן די מיליטערישע שפּאַנונגען אין גאַנצן ראַיאָן און צו פאַרוואַנדלען דעם באַסיין פון דעם מיטללענדישן ים אין אַ באַסיין פון שלום און פריינטלעכן צוזאַמענלעב“.

דער פּרעזידענט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ניקאָלאַי פּאָדגאָרני, האָט באַטאָנט, אין אַ רעדע, סוף סעפּטעמבער, 1971: „דער קריזיס אויפן מיטל־מזרח קען געלייזט ווערן און דער שלום און די זיכערקייט קענען גאַראַנטירט ווערן פאַר אַלע מדינות פון ראַיאָן. דאָס פאָדערט אָבער פון ישראל אויסצופירן דעם באַשלוס פון זיכערקייט־ראַט, פון 22־טן נאָוועמבער, 1967, וועלכער פאָדערט צום אַלעם ערשטן אַרויסצופירן דאָס ישראלדיקע מיליטער פון אַלע אָקופּירטע אַראַבישע שטחים. אָנווייזנדיק אויף ווי־ווייט די סאָוועטן־רעגירונג לייגט האָפנונגען אויף אַ פרידלעכער, פּאָליטישער לייזונג פון דעם דאָזיקן קאָנפליקט, האָט פּאָדגאָרני אונטערגעשטראָכן: „דער סאָוועטן־פאַרבאַנד גלויבט, אַז די שלום־אָנהענגער וועלן פאַרשטאַרקן זייערע אָנשטרענגונגען, כדי צו דערגרייכן אַ שנעלע רעגולירונג פון דער פּראָבלעם פון מיטעלן מזרח...“

דער אויסערן־מיניסטער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַנדרעי גראָמיקאָ, האָט דערקלערט פון דער טריבונע פון די פאַראייניקטע פעלקער, אין אַ רעדע ביי דער 26־סטער סעסיע פון דער אַלגעמיינער אַסעמבלי, סעפּטעמבער 28, 1971: „ס׳איז קלאָר... אַז די געהעריקע גאַראַנטיעס [פאַר דער זיכערקייט פון ישראל — פּ. ה.], אַריינגעמענדיק גאַראַנטיעס פון זיכערקייט־ראַט קענען איצט צוגעשטעלט ווערן. דאָס זיינען די שטאַרקסטע גאַראַנטיעס וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן אין דער היינט־צייטיקער וועלט“.

די פאַקטן זיינען גוט באַוואוסט. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט סנהן, און זיינע נאָכפאָלגער אין מק״י (און אין דער „מאָרגן־פרייהייט“) כסדר צו טענהן, ווי אַ קאַליע געוואָרענע פּאָנאָגראַפישע פּלאַסטינקע, אַז ישראל מוז האָבן „געזיכערטע גרענעצן“. דאָס ווערט געטאָן, כדי צו באַרעכטיקן אַן אַנ־

עקסיע פון אָקופּירטע אַראַבישע געגנטן, וויסנדיק, אַז אַזאַ צוגאַנג שליסט־אויס אַ שלום־אָפּמאַך מיט די אַראַבישע לענדער, וועלכע וועלן אויף דעם נישט איינגיין.

סנהס „שלום־פּראָגראַם"

דר. סנה האָט געפּרוּווט פאַרדעקן זיין שאָוויניזם מיט אַ וועניר פון דעמאַגאָגישער מליצה. ער האָט גערעדט וועגן „אַן אַטמאָספער פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש, פון גוטן ווילן און גרייטקייט צו סאָלידע פּשרות". די אַגרעסיווע ליניע פון מק"י זעט זיך אָבער בולט אָן אין דער „שלום־פּראָגראַם" וואָס זי האָט אַרויסגעשטעלט. סנה איז אויף אַ האָר נישט אָפּגעטראָטן פון זיין פּאָזיציע, אַז אַ „שלום־אָפּמאַך" צווישן ישראל און אירע אַראַבישע שכנים דאַרף זיין באַזירט אויף איינהאַלטן דעראָבערטע טעריטריעס. ער האָט אפילו אויסגערעכנט די „מינימום"־שטחים, וואָס וועלן דאַרפן פאַרבלייבן אונטער ישראלס הערשאַפט. דער פּאַרזיצער פון מק"י האָט דערקלערט אין זיין פּאַרטראַג:

„[מיר האָבן] אויף דער פריערדיקער, 15־טער סעסיע, פון צענטראַל קאָמיטעט [דעם 13־טן פעברואַר, 1971] באַשלאָסן צו פאָדערן, אַז די ישראלדיקע פּאָליטיק זאָל אָפּוואַרפן יעדן פּרוּוו פון אַ דיקטאַט וועגן צוריקציען זיך פון אַלע שטחים... ווייל אָבער די פאָדערונג, אַז ישראל זאָל זיך צוריקציען צו די ליניעס פון פאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, לאָזט זיך הערן פון פאַרשיידענע צדדים — זיינען מיר פאַרפליכטעט קלאָר און דייטלעך צו דעקלאַרירן אונדזער שטעלונג, אַז ישראל וועט זיך, פאַר קיין פאַל, נישט אומקערן צו די ליניעס פון 4־טן יוני, 1967... [אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל].

„מיר קענען נישט אָננעמען די פאָרמולע צוריקציען זיך צו ליניעס מיט ,לייכטע אויסבעסערונגען' אָדער ,מיט נישט־וועזנטלעכע אויסבעסערונגען'... עס איז... גענוג אָנצואווייזן אויף דריי, ביז גאָר וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס זייער אומבאַדינגטע לייזונג אין אַ שלום־הסכם גייט־אַרויס פון די ראַמען פון דער דעפיניציע מכוח ,לייכטע אויסבעסערונגען' אָדער ,נישט־וועזנטלעכע אויסבעסערונגען': א) די פאַראייניקטע ירושלים — [איר] סאָוועניריטעט, אויטאָנאָמיע, הייליקע ערטער; ב) שאַרם־א־שעיך — נאַוויגאַציע־זיכערקייט אין די טיראַן־דורכגוסן; ג) די בערג־קייטן פון גולן — די זיכערקייט פון די ישובים אין עמק. נישט אַריינגייענדיק דעריבער פאַר דער צייט אין פּרטים פון די געאָגראַפישע און יורידישע לייזונגען דאַרף מק"י נעגירן די טעאָריע פון צוריקציען זיך צו די ליניעס פון 4־טן יוני, 1967 [פאַר דער 6־טאָגיקער מלחמה — פּ. ה.], אפילו מיט ,לייכטע אויסבעסערונגען' אָדער ,נישט־וועזנטלעכע אויסבעסערונגען'...".

מיר האָבן אין דער דאָזיקער דערקלערונג באַקומען אַן אומבויגזאַמען, שפּאַרבערישן „אָנזאָג" פונעם וואָרטזאָגער פון מק"י, אַז ישראל מוז פאַרבלייבן ביי אַ טייל פון אירע דעראָבערטע טעריטאָריעס, אפילו אויב דאָס זאָל פירן צו אַ נייער מלחמה. („מיר ווייזן צוריק יעדן דיקטאַט"). אויף ווי

וויט סנהס פֿאָדערונג פֿאַר „געזיכערטע גרענעצן" איז געווען ניט מער ווי אַ דעמאַגאָגישער אויסרייד פֿאַר זיין אַנעקסיאָניסטישער פּאָליטיק ווערט טרעפֿלעך אָנגעוויזן אין אַן אַרטיקל פֿון דעם ישראלי־פּאַציפֿיסט, יוריס דעיוויס, אין דער צייטשריפֿט „סאָשעליסט טריביון" (יאַנואַר, 1971). מיר לייענען דאָרט:

„די הערשער פֿון ישראל זאָגן: ,מיר קענען זיך נישט צוריקציען פֿון די גולן־בערג. מיר קענען נישט אויסשטעלן אונדזערע פּרויען און קינדער צו דער געפֿאַר פֿון סירישע קאַנאָנאַדעס פֿון די דאָזיקע באַרג־שפּיצן. מיר מוזן האָבן אַן אָפּזונדערונג־זאָנע פֿון אַ געוויסער צאָל קילאָמעטער, וואָס זאָל אונדז דינען ווי אַ שייד־וואַנט צווישן די סירישע קאַנאָנען און אונדזערע ישובים ביי די ברעגן פֿון ים כנרת'. וואָלט דאָס געווען אמת וואָלטן די ישראלים ניט קאָלאָניזירט איצט די גולן־בערג, מחמת די קאָלאָניזאַציע פֿון אָט־די באַרג־קייטן מיינט נעמען פּרויען און קינדער און באַזעצן זיי לעבן נייע גרענעצן, נישט מער ווי צוויי קילאָמעטער אַוועק פֿון סירישע שיסערייען און די קאַנאָנען פֿון סיריע. אַזאַ האַנדלונג נעגירט די ,זיכערקייט־אַרגומענטאַציע. אין ליכט פֿון דעם קען מען זיך נישט האַלטן ביי דער פּאָליטישער ליניע, אַז מען טאָר זיך נישט צוריקציען פֿון די גולן־בערג צוליב זיכערקייט־מאָטיוון. מען זאָגט, אַז דער טייך ירדן מוז זיין די זיכערקייט־גרענעץ פֿאַר ישראל. דאָס דערקלערט אָבער נישט די אַנעקסיע פֿון מזרח־ירושלים, די עקספּראָפּריאַציע פֿון דריי טויזנט דונאַם לאַנד אין חברון, די עקספּראָפּריאַציע פֿון 12 טויזנט דונאַם אין ירושלים, דאָס אויסבויען פֿון אַ נייער יידישער שטאָט אין ראַמאַלאַ — די פּלאַנירונג פֿון פֿופֿציק נייע יידישע ישובים אין די אָקופּירטע שטחים א. א. וו., א. אַ. וו. (מזרח־ירושלים, די מערב־ברעגן פֿון דעם טייך ירדן, די גולן־בערג און דער סיני־האַלבאינדזל זיינען פֿאַרנומען געוואָרן פֿון ישראל אין דער 1967 מלחמה — פּ. ה.).

ווי מיר זעען גייט מק"י אין איר „שלום־פּראָגראַם" פֿולשטענדיק אין די טריט פֿון דער ישראל־רעגירונג. דער פֿירער פֿון אָט־דער רעוויזיאָניסטישער, פּראָ־ציוניסטישער גרופּע האָט טיילמאָל אָנגעשלאָגן אין זיין רעדע ביים 16־טן פּלענום פֿון צענטראַל־קאָמיטעט אַ „הוראַ־פּאַטריאָטישן" טאָן, וואָס מען איז געוויינלעך געוואוינט צו הערן, פֿון מיליטאַריסטן, פֿון משה דיינס שניט, און וואָרטזאָגער פֿון דעם גאַר רעכטן לאַגער. ער האָט געפּאַכעט מיט דער שווערד און איז געווען גרייט מקריב צו זיין די לעבנס פֿון ווער ווייסט וויפֿל זין און טעכטער פֿון ישראל, כדי איינצוהאַלטן דעם „זיג" פֿון 1967, פֿאַרגעסנדיק, אַז אַ קומענדיקער מיליטערישער אויסברוך קען פֿירן צו אַ נוקלעאַרן וועלט־קריג. סנה האָט זיך דערלויבט צו זאָגן: „דעם צד... וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ ניצחון — דיקטירט מען נישט קיין קאַפּיטולאַציעס און מען גיט נישט קיין באַפֿעלן, נאָר מען פֿירט מיט פֿאַרהאַנדלונגען..." (סנה האָט געמאַכט פֿיל מאָל אַזעלכע דערקלערונגען, אפֿילו אין אויפֿטריטן, אין כנסת).

די אַגרעסיווע מלחמה פֿון 1967

אָנגעמענדיק די ליניע פֿון די פֿאַרענטפֿערער פֿון דער 6־טאָגיקער מלחמה האָט סנה געזאָגט: „ישראל איז אין דער מלחמה פֿון יוני 1967 נישט געווען דער אַגרעסאָר... ישראל האָט געפֿירט אַ גערעכטע פֿאַרטיידיקונגס־מלחמה קעגן באַלאַגערונג, קעגן בלאָקאַדעס און קעגן פֿאַרטיליקונג־דראָאונגען...". סנה האָט פֿון דעם געדרונגען, אַז ישראל איז דעריבער באַרעכטיקט צו אַנעקסירן „באַזיגטע" געביטן.

אין דער דאָזיקער פֿראַגע האָט סנה זיך באַנוצט מט אַרגומענטן, וואָס זיינען געקומען פֿון פֿראָפּאַגאַנדע־אַרסענאַל פֿון דער ישראל־רעגירונג און „עסטאַבלישמענט" (די הערשנדיקע קרייזן) פֿון ישראל. מען הערט כסדר פֿון מק"י און אירע נאָכפֿאָלגער אויסערהאַלב ישראל, אַז די יוני 1967־מלחמה איז געווען אַ „פֿאַרטיידיקונגס־מלחמה" (אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט" איז ביז ניט לאַנג צוריק אָנגענומען געוואָרן דער זעלביקער שטאַנדפּונקט). די פֿירער פֿון מק"י און זייערע שטיצער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס פֿאַרענטפֿערן די 1967 אַגרעסיע פֿון די הערשער פֿון ישראל ווי אַ מלחמה „פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער יידישער מדינה", האָבן געמעגט וויסן, אַז מען קען געשיכטלעכע אמתן תמיד ניט באַהאַלטן. ס'זיינען פֿאַראַן גענוג באַווייזן, אַז דער אָנגריף מצד ישראל קעגן אירע אַראַבישע שכנים האָט ניט געטראָגן קיין פֿאַרטיידיקונגס־כאַראַקטער, נאָר איז געווען אַ מלחמה קעגן לענדער, וואָס האָבן דאָס נישט דערוואַרט און זיינען נישט געווען צוגעגרייט צו דעם. דאָס ווערט, פֿון צייט־צו־צייט, אויפגעדעקט אפֿילו אין דער ישראל־פּרעסע. דעם 6־סטן אַפּריל, 1971, האָט די צייטונג „דזשערוזאַלעם פּאָוסט" פּובליקירט אַן אַרטיקל פֿון גענעראַל גאַביש, וועלכער האָט אָנגעפֿירט, אין דער 6־טאָגיקער מלחמה, מיטן סיני־פֿראָנט. ער האָט, צווישן אַנדערן, געשריבן: „ס'איז געווען אַ פֿעלער צו וואַרטן ביזן 5־טן יוני... אָן צווייפֿל, ווען מיר וואָלטן אָנגעפֿאַלן פֿריער, וואָלט די זאַך געגאַנגען פֿיל לייכטער". באַמערקט, דער גענעראַל רעדט גאַנץ אָפֿנהאַרציק וועגן אַן אָנפֿאַל. ער זאָגט ווייטער: „...מיר האָבן געוואוסט, אַז די מצרימשע אַרמיי איז נישט געווען צוגעגרייט פֿאַר אַן איבערפֿאַל..."

טייל שטיצער פֿון דער דאָזיקער אַגרעסיע באַצייכענען דאָס, ווי אַ „פּרעווענטאַטיווע" מלחמה. זיי באַשולדיקן די אַראַבישע לענדער אין פֿאַראורזאַכן דעם דאָזיקן קאָנפֿליקט. זיי דערקלערן, אַז עגיפּטן, סיריע און ירדן האָבן באַדראָט די עקזיסטענץ פֿון דער יידישער מדינה, אָנווייזנדיק, אַז דער פֿאַרשטאָרבענער פּרעזידענט פֿון עגיפּטן, גאַמאַל אַבדעל נאַסער, האָט בלאָקירט דעם ישראלדיקן שיף־פֿאַרקער דורך דעם טיראַן־דורכגוס און האָט געפֿאָדערט די צוריקציִאונג פֿון די יו־ען באַאָבאַכטונג־טרופּן פֿון דער עגיפּטישער טעריטאָריע, אַ פֿאַרלאַנג, וואָס דער דעמאָלטדיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער יו־ען, או טאַנט, איז נאָכגעקומען, און אַז נאַסער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די עקזיסטענץ פֿון ישראל.

ס'איז אמת, אַז פֿאַר יוני 1967 איז די לאַגע אויפֿן מיטל־מזרח געווען אַן אָנגעצויגענע און אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע אַראַבישע עקסטרעמיסטן האָבן

געפירט אַ שעדלעכע פּראָפּאַגאַנדע וועגן „פאַרניכטן ישראל". נאַסער, וועל־כער האָט זיך געפונען אונטער אַ שטאַרקן דרוק ביי זיך אין לאַנד און מצד אַנדערע אַראַבישע לענדער, האָט גענומען אַ מיליטאַנטע שטעלונג צו ישראל. ס'איז אָבער אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז עגיפּטן איז נישט געווען צוגעגרייט פאַר אַזאַ מלחמה און נאַסער האָט נישט געוואָלט קיין מלחמה. מען מוז אגב געדענקען, אַז ישראל האָט קיינמאָל נישט דערלויבט קיין יו־ען מיליטער־אָפּטיילונגען אויף איר טעריטאָריע. ווען טאַנט האָט זיך אָנגעפרעגט, אויב ישראל וועט צולאָזן יו־ען־באַאָבאַכטונג־אָפּטיילונגען אויף אירע גרענעץ־שטרעקעס, נאָכדעם ווי זיי וועלן עוואַקואירן די עגיפּטישע פּונקטן, האָט ער באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער.

דער דעמאָלטדיקער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, לינדאָן דזשאנסאָן, שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז ישראל האָט פּלוצים אַטאַקירט עגיפּטן, ניט געקוקט אויף דזשאנסאָנס אַ פעסטן צוזאָג, אַז דער טיראַן־דורכ־גוס וועט געעפנט ווערן פאַר ישראלדיקער נאַוויגאַציע „אין אַ וואָך אָדער צוויי". דער פראַנצויזישער היסטאָריקער און מיטל־מזרח עקספערט פּראָ־פעסאָר מאַקסים ראָדינסאָן גיט־איבער גענויע פּרטים וועגן דעם אין זיין בוך: „ישראל און די אַראַבער". ער באַריכטעט, אַז אבא איבען איז געקומען, דעם 25־טן מיי, פון פאַריז קיין וואַשינגטאָן און אַז דזשאַנסאָן האָט, אין אַ קאָנפערענץ מיטן ישראלדיקן אויסערן־מיניסטער, צוגעזאָגט אומבאַדינגט צו עפענען דעם טיראַנער דורכגוס און האָט זיך געווענדט צו ישראל זיך צוריקצוהאַלטן פון איבעראיילטע מיליטערישע אַקציעס.

ראָדינסאָן גיט ווייטער איבער, אַז איבען איז צוריקגעקומען מיט צוויי טעג שפּעטער קיין תל־אביב. די ישראלדיקע שפּאַרבער האָבן דעמאָלט שוין געהאַט געוואונען די איבערהאַנט און די אויסזיכטן אויף שלום האָבן זיך געהאַט פאַרערגערט. דעם ערשטן יוני איז פאַרמירט געוואָרן אַ מיניסטאָרן־קאַבינעט פון „נאַציאָנאַלער אייניקייט". דיין האָט איבערגענומען דעם אַמט פון שוץ־מיניסטער, דער אולטראַ־רעאַקציאָנער, מנחם בעגין, איז געוואָרן אַ מיניסטער.

דעם 2־טן יוני איז יגאל אלון אויפגעטראָטן, אין אַ מיליטערישן מונדיר, ביי אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין תל־אביב, דערקלערנדיק אין זיין רעדע: „מיר האָבן נישט דעם מינדסטן ספק וועגן דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה, אין אַלע אירע פאַזן, און מיר פאַרגעסן ניט די פראָנטן מיט סיריע און ירדן" („הארץ", יוני, 1971).

דעיוויד קימזשי און ד. באולי וויזן־אָן אין זייער בוך „דהי סענדסטאָרם — דהי אַראַב־איזראַעלי וואָר אָף 1967", אַז בעת איבען האָט זיך געפונען אין וואַשינגטאָן, האָט ער אויך געהאַט אַ באַגעגעניש מיטן דעמאָלטדיקן סטעיט־סעקרעטערי, דין ראָסק, ביי דער אָנוועזנהייט פון דעם דעמאָלטדיקן פאַרויצער פון אַמעריקאַנער גענעראַל שטאַב, גענעראַל אוירל ווילער, וועל־כער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז ער האָט נישט קיין שום אינפאָרמאַציע וועגן וואָסער עס איז אבזיכט מצד עגיפּטן צו אַטאַקירן ישראל און אַז, פונקט פאַר־קערט, די ישראל־אַרמיי שטייט, לויט זיין מיינונג, גרייט פאַר אַן אָנגריף. ווילער האָט באַטאָנט, אַז לויט דער מיינונג פון אַמעריקאַנער גענעראַל

איר אַרמיי איז פיל שטאַרקער פון די מיליטערישע כּוחות פון עגיפּטן.

דער גוט־אינפאָרמירטער מיטרעדאַקטאָר פון דער „ניו יאָרק טאַימס“, דזשעימס רעסטאָן, האָט דעמאָלט געמאָלדן, אין אַ באַריכט פון קאַיראָ (יוני 4 און 5, 1967), אַז עגיפּטן „וויל נישט קיין מלחמה“ און איז „געוויס ניט גרייט פאַר אַ מלחמה“. ער האָט אָנגעוויזן, אַז נאַסער האָט נישט געהאַט געמאַכט קיין שום מלחמה־צוגרייטונגען. די מיליטערישע שריט, וואָס נאַסער האָט יאָ גענומען (דאָס אַריינשיקן צוויי דיוויזיעס אין סיני), זיינען, לויט רעסטאָנס באַריכט, געווען געצילט צוריקצוהאַלטן די ישראלים און וואַשינגטאָן פון ניט־געוואונטשענע האַנדלונגען.

געוויס איז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין ישראל געווען שטאַרק באַ־אומרואיקט, הויפּטזעכלעך צוליב דער שאַרפער מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע (אין דעם פּרט האָבן ביידע צדדים שטאַרק געזינדיקט). ראָדינסאָן ווייזט ריכטיק אָן: „די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אומעטום האָט זיך געשראָקן פאַר אַן אַראַ־בישער אַטאַקע קעגן ישראל, בעת די דיפּלאָמאַטן האָבן זיך געזאָרגט וועגן אַ מיליטערישער אַקציע מצד ישראל [קעגן די אַראַבער].

נאַסער האָט, אין אַ רעדע דעם 26־טן מיי און אין נאָך אַ צאָל אַרויס־טרעטונגען, כּסדר באַטאָנט, אַז עס קען קומען צו אַ מלחמה־אויסברוך בלויז אין פאַל „ישראל וועט אָנהויבן אַן אַגרעסיע קעגן סיריע און עגיפּטן“, דעם 28־סטן מיי, האָט נאַסער, ביי אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, ניט געקוקט אויף זיינע שאַרפע רייד, „אַ ביסל געעפנט די טיר“, ווי דיפּלאָמאַטן האָבן זיך דעמאָלט אויסגעדריקט. ער האָט געלאָזט וויסן, אַז ער איז גרייט, אונטער געוויסע באַדינגונגען, צו באַנייען די ישראל־עגיפּטישע וואָפנרו קאָמיסיע, וואָס ישראל האָט אויפגעגעבן אין 1956, בעת איר אַטאַקע אויפן סיני־האַלבאינדזל. דאָס האָט געמיינט, אַז יו־ען אָפּטיילונגען וואָלטן ווידער פּאַטראָלירט די עגיפּטיש־ישראלדיקע גרענעצן. נאַסער האָט אָנגעדייטעט, אַז ער איז אויך גרייט צו פאַרהאַנדלען די פּליטים־פּראָבלעם, וואָס וואָלט געקאָנט פירן צו דער אָנער־קענונג פון ישראל.

די סאָוועטן־רעגירונג האָט כּסדר געווירקט אויף עגיפּטן צו קומען צו אַ פרידלעכן אויסגלייך מיט ישראל, ווי זי טוט עס עד היום. דער סאָוועטי־שער אַמבאַסאַדאָר אין קאַיראָ און אַנדערע פאָרשטייער פון דער סאָוועטן־רעגירונג זיינען געווען אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט נאַסערן. סאָוועט־טישע דימפּלאָמאַטן האָבן זיך שטאַרק באַמיט צו ברענגען ביידע צדדים צו אַן אויסגלייך, וואָס וואָלט אַריינגענומען אַ פולשטענדיקע פאַרזיכערונג פון דער עקזיסטענץ פון ישראל און וואָלט אָפּגערייניקט די געשפּאַנטע לופט אויפן מיטל־מזרח. דיפּלאָמאַטן פון נאָך לענדער, און פון דער יו־ען, זיינען גע־ווען טעטיק אין דער זעלביקער ריכטונג. דזשאָנסאָנס ספּעציעלער שליח קיין קאַיראָ, טשאַרלס יאָסט, איז, לויט שפּעטערדיקע באַריכטן, געקומען צו אַ טענטאַטיווער פאַרשטענדיקונג מיטן עגיפּטישן אויסערן־מיניסטער וועגן שליכטן די פראַגע פון דעם טיראַנער דורכגוס און וועגן נאָך פּראָבלעמען. ס'איז דעמאָלט באַריכטעט געוואָרן, אַז יאָסט האָט פאַרזיכערט די עגיפּטישע מלוכה־פירער, אַז ישראל וועט נישט אָנהויבן קיין מיליטערישע אַטאַקעס,

כל־זמן די פאַרהאַנדלונגען וועלן אָנגיין.

שבת, דעם 3־טן יוני, האָט דיין גערעדט ביי אַ פרעסע־קאָנפערענץ וועגן דער נויטיקייט צו זיין געדולדיק. ער האָט געזאָגט, אַז די ישראל־רעגירונג וועט וואַרטן אויפן אויסגאַנג פון די דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען איידער זי וועט נעמען ווייטערדיקע שריט. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג איז אָבער געווען צוגעגרייט צו מלחמה. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קריזיס־אַטמאָספער דורכן געשריי, אַז דער קיום פון ישראל שטייט אין געפאַר. די פּלענער פאַר דער מיליטערישער קאַמפּאַניע זיינען געווען גרייט. מאַנטיק, דעם 5־טן יוני, 7 אינדערפרי (ישראל־צייט), זיינען ישראלדיקע אָנגריף־עראָפּלאַנען אָפּגע־פלויגן פון זייערע באַזעס מיט דער מיסיע צו פאַרניכטן דעם עגיפּטישן לופט־פלאָט, וועלכער האָט נישט דערוואַרט אַזאַ אַטאַקע.

וואָלט עגיפּטן זיך געריכט אויף אַ מלחמה־אויסברוך וואָלטן אירע עראָפּלאַ־נען געוויס ניט געווען אויסגעשפּרייט אויף זיבעצן לופט־פעלדער ווי אויף אַ טעפּיך, גרייט פאַר פאַרניכטונג. דער איצטיקער ישראל־אַמבאַסאַדאָר קיין וואַשינגטאָן יצחק ראַבין, וועלכער איז דעמאָלט געווען איינער פון די מילי־טערישע פירער פון ישראל, אפילו ער, האָט צוגעגעבן אין אַן אינטערוויו, אין דער פראַנצויזישער צייטונג „לע מאָנד" (פעב. 28, 1968), אַז מצרים האָט זיך נישט געריכט אויף אַ מלחמה מיט ישראל. ער האָט זיך אויסגע־דריקט: „איך גלויב נישט, אַז נאַסער האָט געוואָלט מלחמה. די צוויי די־וויזיעס, וואָס ער האָט אַריינגעשיקט קיין סיני, דעם 14טן מיי, וואָלטן נישט געווען גענוג אָנצוהויבן אַן אָפענסיווע. ער האָט דאָס געוואוסט און מיר האָבן דאָס געוואוסט".

גענעראַל מתתיהו פּלד האָט אָפן געזאָגט אויף אַ סימפּאָזיום וועגן דעם בוך פון עמות אילון „הישראלים" („הארץ", מערץ 19, 1972): „די הנחה, אַז עס האָט אויסגעקוקט אין יוני 1967, אַז ישראל איז געווען אין געפאַר פון פאַרניכטונג און אַז מדינת ישראל האָט געהאַלטן מלחמה פאַר איר פיזישער עקזיסטענץ — איז אַ בלאָף, וואָס איז געשאַפן געוואָרן און האָט זיך פאַרשפּרייט נאָך דעם [6־טאָגיקן] קריג". ענלעכע דערקלערונגען זיינען געמאַכט געוואָרן פון גענעראַל עוזר וויצמאַן, דעם פּלימעניק פון חיים וויצמאַן („הארץ", מערץ 29, 1972).

לויט אַ באַריכט פון דער נייעס־אַגענטור „יונאַיטעד פרעס־אינטערנעשאַ־נאַל" (יוני 8 און 9, 1971) האָט דער דעמאָלטדיקער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, אהרן רעמעז, אָן קווענקלעניש, געזאָגט דעם 8־טן יוני, אַז „ישראל האָט געגעבן דעם ערשטן שאָס". די ישראל־רעגירונג האָט דערנאָך צוריק־געצויגן זיין דערקלערונג. מען קען אָבער נישט צוריקציען קיין געשיכט־לעכע פאַקטן. אין ליכט פון אַזעלכע אויפדעקונגען האָט מק"י, און אירע תלמידים אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, געמעגט איינזען, אַז אפילו מיט די גרעסטע געשרייען וועגן אַ „פאַרטיידיקונגס־מלחמה" קען מען שטענדיק נישט פאַרדעקן דעם אמת.

די פראַגע פון באַשטימטע גרענעצן

דר. סנה האָט זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן פון נוצן אַרגומענטן, וואָס

קומען פון „אָפּיציעלע“ ישראל־קרייזן און פון די פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָס פון דער רעגירונג, אפילו ווען די דאָזיקע אַרגומענטן האָבן אין זיך ניט געהאַט קיין שום לאָגיק. סנה האָט דערקלערט:

„און מען קען דאָך נישט פאָדערן פון ישראל, אַז זי זאָל זיך צוריק־ציען צו די פריערדיקע גרענעצן אויך שוין צוליב דעם פשוטן טעם, וואָס ישראל האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין גרענעצן און די וואָפן־שטילשטאַנד־ליניעס, לויט די [יו־עו] אָפּמאַכן פון 1949 זיינען דייטלעך דעפינירט געוואָרן בלויז אַלס מיליטערישע און צייטווייליקע שייד־ליניעס, אָן שום באַדייטונג פון פּאָליטישע און מיליטערישע גרענעצן“.

לויט דר. סנהס מערקווירדיקן אויסטייטש וואָלט ישראל געמעגט זיין „באַרעכטיקט“ אַריינצומאַרשירן אין קאַהיראָ, אַמאַן, בעירוט און ווער ווייסט וואוהין, מחמת אויב זי האָט נישט קיין „באַשטימטע גרענעצן“ קען זי דאָך שפּאַצירן“ איבער דער מאַפּע פונעם מיטל־מזרח לויט איר ווילן. (די פראַגע פון די ישראל־גרענעצן איז אַן ענין, וואָס דאַרף באַהאַנדלט ווערן באַזונדער.) דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר צו דער יו־ען, יוסף תקוע, האָט געניצט דעם זעלביקן אַרגומענט אין אַ דעבאַטע ביים זיכערקייט ראַט וועגן מזרח־ירושלים (סעפּט. 26, 1971). ווי באַוואוסט טוט די ישראל־רעגירונג אַלץ וואָס זי קען צו עלימינירן די אַראַבישע איינוואוינער פון דער אַלט־שטאָט פון ירושלים, וואָס איז פאַר־נומען געוואָרן אין דער 6־טאָגיקער מלחמה פון ירדן, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר יידישע באַזעצער. פרואוונדיק פאַרענטפערן די דאָזיקע אַגרעסיע האָט תקוע געזאָגט, אַז די מיטגלידער פון זיכערקייט־ראַט איגנאָרירן דעם „פונ־דאַמענטאַלן פאַקט“, אַז עס עקזיסטירן ניט קיין „מלוכה־גרענעצן“ צווישן ישראל און אירע אַראַבישע שכנים.

ס'איז אָבער אַפּנים געווען גרינגער פאַר דר. סנה צו „פאַרקויפן“ דעם דאָזיקן איינזייטיקן אַרגומענט צו די מיטגלידער פון צ״ק פון מק״י, ווי פאַר תקוען צו איבערצייגן די דיפּלאָמאַטן פונעם זיכערקייט־ראַט, וועלכע האָבן גוטגעהייסן אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט דרינגענדיק גערופן ישראל נישט צו נעמען קיין שום ווייטערדיקע שריט פאַר דער ענדערונג פון דעם כאַראַק־טער פון ירושלים און דעם סטאַטוס־קוואָ פון די אָקופּירטע דיסטריקטן פון דער שטאָט. די רעזאָלוציע איז דורכגעגאַנגען מיט 14 שטימען. אפילו דער פאָרשטייער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דזשראָדזש בוש, האָט געשטימט פאַר איר, אָנווייזנדיק, אַז וואַשינגטאָן באַטראַכט די פאַרנומענע געביטן פון דעם מזרח־סעקטאָר פון ירושלים אַלס אָקופּירטע שטחים, אין וועלכע עס זיינען גילטיק די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן, וואָס רעגולירן די רעכט און אָבליגאַציעס פון דער אָקופּירנדיקער מאַכט. בוש האָט געזאָגט: „מיר [די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן — פ. ה.] באַדויערן וואָס ישראל האָט פאַרפעלט נאָכצוקומען אירע פאַרפליכטונגען, לויט דעם פערטן זשענעווער אָפּמאַך“. אַזאַ שאַרפן אַרויסטריט קעגן ישראל מצד אַ פאַרטרעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן הערט מען זעלטן אין דער יו־ען.

נישט געקוקט אויף איר פולשטענדיקער איזאָלירונג אין דער דאָזיקער פראַגע האָט די רעגירונג פון ישראל געלאָזט וויסן, אַז זי וועט נישט דער־לויבן דער יו־ען צו פירן אַן אונטערזוכונג וועגן דער באַשולדיקונג פון זי־

כערקייט־ראַט, אַז עס גייט־אָן אַ צוואַנגזאַמע עוואַקואַציע פון די אַראַבישע איינוואוינער פון מזרח־סעקטאָר פון ירושלים.

זאָל דאָ בלויז געזאָגט ווערן, וואָס איז שייך דעם ענין „באַשטימטע גרענעצן", אַז די קאַמפן בעת דער גרינדונג פון ישראל זיינען געפירט געוואָרן ניט נאָר פאַר דער עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה, נאָר אויך פאַר פאַרנעמען וואָס גרעסערע שטחים און פאַר דער „אויסליידיקונג" פון די פאַרנומענע געביטן פון דער דאָרטיקער אַראַבישער באַפעלקערונג. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן בן־גוריונס אַוואַנטוריסטישע עקספּעדיציע קעגן עגיפּטן, אין 1956, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט, אין וועלכער די ישראל־אַרמיי האָט פאַרנומען דעם סיני־האַלבאינדזל, לויט אַ געהיימען אָפּמאַך מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך און מיט זייער הילף. דער דעמאָלטדיקער פאַרזוך אויסצוברייטן די גרענעצן פון ישראל האָט זיך ניט איינגעגעבן. די סיני־אַוואַנטורע האָט נישט געבראַכט די געהאָפטע רעזולטאַטן. נאָסער איז נישט געשטירצט געוואָרן, ווי דאָס איז דערוואַרטן געוואָרן לויטן געהיימען פּלאַן און בן־גוריון האָט געמוזט עוואַקואירן סיני.

ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז ישראל האָט פאַרנומען אין דער 1967 מלחמה 26 טויזנט קוואַדראַט מייל, מער ווי דריי מאָל אַזוי פיל פון איר טעריטאָריע פאַר יוני 1967, וואָס איז באַשטאַנען פון אַכט טויזנט קוואַדראַט מייל — ווען מען נעמט דאָס אַלץ אין אַכט מוז מען איינזען, אַז אויב מען זאָל זיך האַלטן ביי סנהס טענות, אַז ישראל איז באַרעכטיקט צו אַנעקסיעס, ווייל „זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין באַשטימטע גרענעצן", מוז מען זיין גרייט אויף דורות־לאַנגע מלחמות, אויפן מיטל־מזרח.

מק"ים אויסטייטשונג פון דער יו־ען־רעזאָלוציע

אין זיין רעדע ביי דער 16טער סעסיע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מק"י האָט סנה זיך שטאַרק געבייזערט אויף איינעם פון די פירער פון רק"ח, עמיל חביבי. סנה האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס דער דעפּוטאַט חביבי האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ דעבאַטע, אין כנסת, אַז ער זעט נישט קיין אונטערשייד אין דער פראַגע פון אַנעקסיעס צווישן סנהס פאָרשלאַגן און די פאָרשלאַגן פון מנחם בעגין, אויסער עטלעכע קילאָמעטער וואָס שיידן אונטער די ביידע פאָרשלאַגן. סנה האָט, אַ ברוגזער, אויסגערופן: „אין די אויגן פון די רק"ח־אָנהענגער, און די וואָס שלעפּן זיך נאָך זיי — איז דאָס אויך אַנעקסיאָניזם, גאָט באַהיט".

סנה האָט ווייטער געזאָגט:

„...אין די אויגן פון רק"ח זיינען זיי ביידע [די פאָרשלאַגן פון סנה און בעגין — פ. ה.] אַנעקסיאָניסטיש... אין וואָס באַשטייט אייגנטלעך די נישט־אַנעקסיאָניסטישע שטעלונג? אויף דעם האָט דער פאַרשטייער פון רק"ח געענטפערט: ,זאָל די רעגירנג מודיע זיין, אַז זי איז גרייט אויסצופירן די פולע רעזאָלוציע פון זיכערקייט־ראַט, איינשליסנדיק דעם פּאַראַגראַף פון צוריקציען זיך פון די פאַרנומענע שטחים בעת דער יוני־מלחמה'. כדי אויסצוטראַכטן אויף אונדז דעם בלבול פון ,אַנעקסיאָניזם', איז אַלזאָ, דער כנסת־דעפּוטאַט, עמיל חביבי,

אַזש געווען געצוואונגען צו פעלשן די רעזאָלוציע פון זיכערקייט־ראַט, אַז זי אַנטהאַלט אין זיך כלומרשט אַ פּאַראַגראַף, וואָס פאָדערט אַ צוריקטריט פון אַלע שטחים..."
ווי שטאַרק דר. סנה האָט זיך נישט באַמיט צו פאַרדעקן דעם אמת האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז קיין אַנדער וועג פאַר אַ געזיכערטן שלום ווי צוריקציען זיך פון די באַזיגטע געביטן איז פאַר ישראל נישטאָ. קיינע פאַרנומענע שטחים וועלן איר נישט ברענגען, איצט אָדער אין דער צוקונפט, קיין זיכערע גרענעצן, כל־זמן זי וועט זיך אויפפירן ווי אַן אָקופּירנדיקע און אַנעקסיאָניסטישע מאַכט און וועט נישט קומען צו אַ פרידלעכן אויסגלייך מיט אירע אַראַבישע שכנים און דער איינציקער מיטל פאַר דעם איז אויספאָלגן דעם פאַרלאַנג פון די פאַראייניקטע נאַציעס און דורכפירן אין לעבן די זיכערקייט־ראַט רעזאָלוציע, לויט איר אמתן מיין.
אַרום דעם דאָזיקן יו־ען־דאָקומענט ווערט פאַרשפרייט דורך מק"י, און אירע נאָכפאָלגער אין די פאַראייניקטע שטאַטן און נאָך קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַזאַ צעטומלעניש, אַז עס איז נויטיק זיך פּינקטלעך צו באַקענען מיט זיין אינהאַלט און אמתן מיין. די יו־ען רעזאָלוציע 242 פון נאָוועמבער 22, 1967, ווערט אָפט מיסרעפּרעזענטירט און געפעלשט פון מק"י און אירע תלמידים אין דער „מ־פ". מיר לייענען אַשטייגער אין סנהס רעפעראַט ביים 16־טן פּלענום:
„דער [יו־ען] באַשלוס נומער 242, וועלכער נעגירט דאָס דער־ווערבן שטחים מיט דער הילף פון מלחמה, רעקאָמענדירט אָבער ניט צוריקצוקערן זיך צו די פריערדיקע ליניעס, וועלכע ווערן אפילו מיט איין וואָרט נישט דערמאָנט, נאָר אַ צוריקטריט פון שטחים, וואָס זיינען פאַרנומען געוואָרן".
און כדי נאָך מער צו באַפעסטיקן זיין פּאָזיציע באַנוצט זיך דער רע־פערענט מיט אַ סאָפיסטישן פּילפּול. ער טענהט, אַז אין דער רעזאָלוציע ווערט אָנגעוויזן, אַז ישראל מוז זיך צוריקציען „פון שטחים", נישט „פון די שטחים" און נישט „פון אַלע שטחים". טאָ לאָמיר זען, וואָס אין דער יו־ען רעזאָלוציע ווערט יאָ געזאָגט און וואָס דאָרט ווערט נישט געזאָגט. קודם איז נויטיק איבערצוגעבן דעם פולן טעקסט פון דעם דאָזיקן וויכטיקן דאָקו־מענט. מיר ברענגען דאָ זיין פולן אינהאַלט:
דער זיכערקייט־ראַט,
אויסדריקנדיק זיין כסדרדיקע באַאומרואיקונג וועגן דער ערנסטע לאַגע אויפן מיטל־מזרח;
באַטאָנענדיק די אומדערלאָזבאַרקייט צו דערווערבן טעריטאָריעס דורך מלחמה און די נויטווענדיקייט צו אַרבעטן פאַר אַ גערעכטן און דויערהאַפטן שלום, אונטער וועלכן יעדע מלוכה אין דעם ראַיאָן זאָל קענען לעבן אין זיכערקייט;
אויך באַטאָנענדיק, אַז אַלע מלוכות, מיטגלידער פון די פאַראייניקטע פעלקער, האָבן, אָננעמענדיק דעם יו־ען טשאַרטער, אונטערגענומען אַ פאַר־פליכטונג צו האַנדלען אין איינקלאַנג מיטן פּונקט 2 פונעם טשאַרטער:
1. באַטאָנט, אַז דאָס דורכפירן די פּרינציפּן פונעם טשאַרטער פאָ־

דערט אַן איינשטעלונג פון אַ גרעכטן און דויערהאַפטן שלום אין מיטל־מזרח, וואָס דאַרף איינשליסן די פאָלגנדיקע צוויי פּרינציפּן:

א) צוריקציען די ישראלדיקע באַוואָפנטע כוחות פון די טעריטאָריעס וואָס זיינען אָקופּירט געוואָרן אין דעם נאָר־וואָס פאַרגעקומענעם קאָנפליקט;

ב) מאַכן אַ סוף צו אַלע פּרעטענסיעס אָדער צו אַ קריגס־צושטאַנד, רעספּעקטירן און אָנערקענען די פעסטגעשטעלטע סואווערעניטעט, טעריטאָריעלע גאַנצקייט און פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט פון יעדער מלוכה אין יענעם ראַיאָן, ווי אויך זייער רעכט צו לעבן אין שלום, אין געפּאַרלאָזע און אָנערקענטע גרענעצן, זייענדיק פריי פון באַדראָאונגען אָדער דער אָנווענדונג פון מאַכט;

2) באַשטעטיקט אויך די נויטווענדיקייט:

א) פאַר גאַראַנטירטער פרייהייט פון נאַוויגאַציע אויף די אינטערנאַציאָנאַלע וואַסער־וועגן אין יענעם ראַיאָן;

ב) צו דערגרייכן אַ גערעכטע שליכטונג פון דער פּליטים־פּראָבלעם;

ג) פאַר אַ גאַראַנטיע פון דער אומבאַרירלעכקייט און פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט פון יעדער מלוכה אין דעם געגעבענעם ראַיאָן דורך מאָס־מיטלען וואָס שליסן איין דאָס איינשטעלן פון דעמיליטאַריזירטע זאָנעס;

3) בעט דעם גענעראַל־סעקרעטאַר צו באַשטימען אַ ספּעציעלן שליח צו קומען אין מיטל־מזרח, כדי איינצושטעלן און אָנהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די באַטרעפנדיקע מלוכות, און כדי צו העלפן דערגרייכן אַן אויסגלייך ווי אויך באַהילפיק זיין אין די באַמיאונגען צו דערגרייכן אַ פרידלעכע און אָנגענעמע שליכטונג, אין הסכם מיט די הנחות און פּרינציפּן פון דער רעזאָלוציע

4) בעט דעם גענעראַל־סעקרעטאַר צו באַריכטן צום זיכערקייט־ראַט, אַזוי שנעל ווי מעגלעך, וועגן דעם פאַרשריט פון די באַמיאונגען פון דעם ספּעציעלן פאַרשטייער.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" (נומער 5, 1971) ווערט געבראַכט, אין אַ פּאָר פּאַראַגראַפן, אַ קלאָרע, קאָנדענסירטע אויפקלערונג וועגן דער יו־ען רעזאָלוציע, וואָס גיט אַ געהעריקן ענטפער אויף די פעלשונגען און מיסרעפּרעזענטירונגען פון דעם דאָזיקן וויכטיקן דאָקומענט. דאָרט ווערט אָנגעוויזן:

„שוין גופא די פאָרמולע ,געפּאַרלאָזע און אָנערקענטע גרענעצן' האָט אינזינען — און דאָס דרינגט נאַטירלעך אַרויס גופא פון תוך פון דער רעזאָלוציע, — אַז אַזעלכע גרענעצן קענען נישט איינגעשטעלט ווערן אַלס רעזולטאַט פון אַנעקסירן פרעמדע טעריטאָריעס. אָן דעם אַרויספירן דאָס מיליטער פון די ישראלדיקע אַגרעסאָרס, ווי דאָס דרינגט אַרויס פונעם טעקסט פון דעם דאָקומענט, קען נישט אָפּגעשטעלט ווערן דער קריגס־צושטאַנד, נישט געזיכערט ווערן אַ פרייער שיף־גאַנג, נישט גאַראַנטירט ווערן דאָס פאַרווירקלעכן אַנדערע הנחות פון דער רעזאָלוציע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן איינהייטלעכן קאָמפּלעקס פון אַ פּאָליטישער רעגולירונג אויפן נאָענטן מזרח".

אָנווייזנדיק, אַז אין צווייטן פּאַראַגראַף פון דער יו־ען רעזאָלוציע ווערט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט צו זיכערן די טעריטאָריעלע אומבאַ־

רירלעכקייט און פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט פון יעדער מלוכה אויפן מיטל־מזרח, אַ געראַכטע שליכטונג פון דער פּליטים־פּראָבלעם און צו זיכערן אַ פרייען שיף־פאַרקער איבער די אינטערנאַציאָנאַלע וואַסערן פון יענעם ראַיאָן, ווערט דערקלערט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“:

„אַזוי־אַרום, אַז די נאָוועמבער־רעזאָלוציע פונעם זיכערקייט־ראַט דיסקאָנטירט נישט בלויז די גרונט־פאָדערונגען פון די אַראַבישע לענדער — אַרויסצופירן דאָס ישראל־מיליטער פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס און דאָס שליכטן די פּראָבלעם פון די פּאַלעסטינער פּליטים — נאָר זי גייט אַרויס אויך פון דעם, אַז די אַראַבישע לענדער מוזן אָנערקענען די סואווערעניטעט, די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט און טעריטאָריעלע גאַנצקייט פון ישראל“.

דוכט זיך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קרישטאָל־קלאָרער דאָקומענטאַציע פון די מעגלעכקייטן פאַר ישראל צו דערגרייכן אַ פרידלעכע, געזיכערטע קאָ־עקזיסטענץ מיט אירע אַראַבישע שכנים, אין די ראַמען פון די באַשלוסן פון דער יו״ען. (ביי דער 26־סטער סעסיע פון דער יו״ען, אין האַרבסט 1971, איז די פאָדערונג, אַז ישראל זאָל זיך צוריקציען צו אירע פריערדיקע גרענעצן, נאָך שאַרפער אַרויסגעבראַכט געוואָרן.) די פירער פון מק״י פאַרבלייבן אָבער טויב און בלינד צו דעם אַלעם. זיי טרינקען זיך ממש אין אַ ים פון דעמאַגאָגישע, מליצהדיקע „אויפקלערונגען“, וואָס באַצוועקן צו צעטומלען די מוחות פון די פּאַרטיי־מיטגלידער און דער עפנטלעכער מיינונג. נעמט, אַשטייגער, דעם פּאָלגנדיקן אויסצוג פון סנהס „פּאַר־טראַג“ ביים 16־טן פּלענום פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון זיין פּאַרטיי:

„מיר פאָדערן צו ענדערן דעם טעריטאָריעלן סטאַטוס־קוואָ פון פאַר יוני 1967 וועלכער איז געווען אַ ציוויליקער, מיליטערישער, נישט־אָנערקענטער, נישט־זיכערער, נישט־פאַראייינבאַרטער — אויף אַ סטאַבילער, פּאָליטישער, אָנערקענטער, פאַראייינבאַרטער, זיכערער גרענעץ־רעגולירונג, אָן שום קוואַנטיטאַטיווע ענדערונגען, וואָס זייער זין איז טעריטאָריעלע אויסברייטונג, אָן שום פאַרלעצונג פונעם רעכט פון וועלכן נישט איז פאָלק אויף זעלבסט־באַשטימונג[?], נאָר בלויז אַזעלכע ענדערונגען פון פריערדיקע סטאַטוס־קוואָ, וואָס וועלן גאַראַנטירן דעם שלום און די זיכערקייט און די גוטע שכנותשאַפט, דעם פּרינציפּ פון פרידלעכער קאָ־עקזיסטענץ פאַר אַלע פעלקער[?]... דעריבער פאָדערן מיר אַ ישראלדיקן שלום־פּלאַן, וואָס דאָס כאַראַקטעריסטישע אין אים זאָל זיין — נישט די שטרעבונג צו וואָס מער שטחים, נאָר די שטרעבונג צו וואָס מער זיכערקייט, וואָס מער קעגנזייטיקייט, וואָס מערער גוטן ווילן, וואָס מערער פּערספּעקטיוון פאַר גוטער שכנהשאַפט און פאַר אַ שטאַנדהאַפטיקן שלום“.

אין דעם דאָזיקן לאַנגן, צעטומלענדיקן, זיך ווידערשפּרעכנדיקן פּאַראַגראַף האָבן מיר אַ מערקווירדיקן מוסטער פון דעמאַגאָגיע, פון שטעלן די פאַקטן מיטן קאָפּ אַראָפּ, פון מאַכן „פון ווייס שוואַרץ און פון שוואַרץ ווייס“.

סנה טענהט, אַז מק״י שטרעבט נישט „צו וואָס מער שטחים, נאָר... צו וואָס מער זיכערקייט... גוטן ווילן“ א. א. וו. ער ווייסט אָבער זייער גוט,

אַז די איינציקע מעגלעכקייט דאָס צו דערגרייכן; דער איינציקער וועג פאַר ישׂראל צו דערגרייכן דעם גוטן ווילן פון אירע אַראַבישע שכנים, איז אויפֿצוגעבן די ראָל פון אַן אַגרעסאָר, פאַרכאַפּער, אָקופּאַנט, וואָס האַלט די אַראַבישע באַפעלקערונג אין די פאַרנומענע געביטן אונטער אַ שטרענגן רעזשים און רעגירט מיט אַן אײַזערנער האַנט איבער הונדערטער טויזנטער אַראַבישע פּליטים; אויפצוגעבן די ראָל פון אַ פאַרלעצער פונעם יו־ען טשאַרטער, וואָס האָט איזאָלירט ישׂראל פון דעם גרעסטן טייל פון דער ציוויליזירטער וועלט; אויפצוגעבן דעם מיליטאַריסטישן געבאָט: „מיטן שווערד זאָלסטו לעבן".

די אידעאָלאָגישע נאָכפאָלגער פון מק"י אין דער „מאָרגן־פרייהייט" בעמען די זעלביקע שטעלונג. אין דער „מ־פ" ווערט כסדר געהאַמערט, אַז ישׂראל דאַרף נישט, לויט דער יו־ען רעזאָלוציע, אויפגעבן די פאַרנומענע שטחים „כל־זמן עס ווערט נישט געלייזט די פראַגע פון געזיכערטע גרענעצן". ביי דער פייערונג פון 49 יאָר „מ־פ", אין טאַון האָל (אַפּריל 4, 1971) האָט איר רעדאַקטאָר פּ. נאָוויק געזאָגט:

„...ווי נאָר די יו־ען רעזאָלוציע 242 איז אָנגענומען געוואָרן, אין נאָוועמבער 1967, האָבן מיר זי באַלד אָנערקענט — און באַלד ווי געהעריק אויסגעטייטשט: ניט סתם צוריקציען זיך, נאָר מיט גלייכצייטיקער אָנערקענונג פון די רעכט פון ישׂראל אויף עקזיסטענץ — אָט ווי אַלע האַלטן שוין איצט; און צוריקציאונג צו „געזיכערטע אָנערקענטע גרענעצן", ווי די רעזאָלוציע זאָגט. מיר זיינען קעגן אולטימאַטומס פון עגיפּטן פאַר סתם צוריקציען זיך פון אַלע געביטן, אָן אויסנאַם און קעגן דעם אולטימאַטום פון דער ישׂראל־רעגירונג ניט צוריקצוגיין צו די גרענעצן פון 4־טן יוני, 1967. וועגן אַלץ דאַרף אונטערהאַנדלט ווערן צווישן ביידע צדדים, כדי דער שלום זאָל זיין אַ הסכמדיקער, ניט קיין אַרויפגעצוואונגענער. יעדער דיקטאַט פון וועלכן עס איז צד, אָדער פון אויבן, קען נאָר שפּייזן שאָוויניסטישע שטימונגען צווישן די יידישע אָדער אַראַבישע מאַסן, שטימונגען פון רעוואַנש און מלחמה".

פּ. נאָוויק האָט גענומען, אין יענער רעדע, פולשטענדיק — כמעט וואָרטלעך — סנהס שטעלונג און האָט פּונקט אַזוי „ריכטיק" אויסגעטייטשט די יו־ען רעזאָלוציע. ווידער אַמאָל ווערן צעטומלט די מוחות פון די „מ־פ"־לייענער און נאָכפאָלגער מיטן רייטן אויפן אָפּגעשלאָגענעם פערדל פון „ניט צוריקציען זיך, נאָר מיט גלייכצייטיקער אָנערקענונג פון די רעכט פון ישׂראל אויף עקזיסטענץ". יעדער אינפאָרמירטער מענטש ווייסט שוין, דוכט זיך, היינט־צו־טאָג, אַז די עקזיסטענץ פון ישׂראל קאָן שוין מער ניט אָפּגעפרעגט ווערן. לאָמיר ווידער אַמאָל כאַפּן אַ בליק אויף, שוין פריער אָנגעוויזענע, פאַקטן. סאַדאַט האָט, אין זיין דערקלערונג צו גונאַר יאַרינג, אָנגענומען די יו־ען רעזאָלוציע, ומיט אַלע אירע פּונקטן, עגיפּטן איז די גרעסטע מדינה אין מיטל־מזרח. ירדן און לבנון האָבן שוין לאַנג געלאָזט וויסן, אַז זיי זיינען גרייט אָנצונעמען די זיכערקייט־רעזאָלוציע נומער 242. פאָריקן מערץ

איז געקומען אַן ענלעכע דערקלערונג פון סיריע. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז גרייט צו גאַראַנטירן די זיכערקייט פון ישראל דורך דער יו־ען און דורך ספּעציעלע אָפּמאַכן. אין דיפּלאָמאַטישע קרייזן איבער גאָר דער וועלט איז גוט באַוואוּסט, אַז די סאָוועטן־רעגירונג איבט־אויס אַ שטאַרקע ווירקונג אויף עגיפּטן זיך צו אָריענטירן אויף אַ פּאָליטישער לייזונג פון דעם מיטל־מזרח קריזיס.

דער פּרעזידענט פון איראַק, אַמעד באַקר, וועלכער האָט כסדר גענומען אַן אומקאָמפּראָמיסלעכע שטעלונג קעגן ישראל, האָט געזאָגט ביי אַ פּרעסע־קאָנפערענץ (נאָוו. 16, 1971), אַז סוף־כל־סוף וועלן די אַראַבישע לענדער מוזן פירן מלחמה קעגן ישראל, אָבער בלויז, כדי צוריקצוגעווינען די אָקופּירטע טעריטאָריעס און צו פאַרזיכערן די רעכט פון די פּליטים. אפילו ער רעדט שוין מער נישט וועגן אָפּווישן ישראל. דאָס ווייזט, אַז אפילו די אַראַבישע פירער, וואָס זיינען ביז נית לאַנג צוריק געווען אומבויגזאַמע קעגנער פון וואָסער עס איז אויסגלייך, האָבן אָנגעהויבן ביטן זייערע פּאָזיציעס. יעדער אינפאָרמירטער מענטש איז באַקאַנט מיט די דאָזיקע פאַקטן, אָבער אין דער „מ־פ״ וויל מען נאָך אַלץ גאָרנית וויסן וועגן דעם.

די פּאָליטישע פּאָזיציעס פון די אַראַבישע ריכטונגען, וואָס ווילן נאָך אַלץ נישט אָנערקענען די עקזיסטענץ פון ישראל, זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן, טיילווייז צוליב זייערע אינערלעכע שוועריקייטן און טיילווייז אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט. דער אויפברויז צווישן די אַראַבישע פּליכטלינגען וואָס טראָגן קריוודעס קעגן ישראל, וואָלט זיך געוויס איינגעשטילט אויב די ישראל־רעגירונג וואָלט זיך פאַרפּליכטעט צו לייזן די פּליטים־פּראָבלעם. מען וואָלט געקענט צוטרעטן צו דער רעהאַביליטאַציע פון די האָפענונגסלאָזע אַראַבישע פּליכטלינגען, אין די פאַרוואָרלאָזטע לאַגערן. דאָס אַלץ איז אַלגעמיין באַקאַנט, נאָר דער „מ־פ״־רעדאַקטאָר שלאָגט זיך נאָך אַלץ פאַר דער „עקזיסטענץ״ פון ישראל, אָנשטאָט צו שטיצן די קאָנסטרוקטיווע פּראָגראַם, פאָרגעשלאָגן דורך די פאַראייניקטע פעלקער, פאַר דער לייזונג פון דעם מיטל־מזרח קריזיס. פּ. נאָוויק רעדט נאָך אַלץ וועגן אַן „אולטימאַטום פון עגיפּטן״ און אַ „דיקטאַט״, ווייסנדיק, אַז דאָס שטימט בשום אופן נישט מיט דער ווירקלעכקייט. די פאָדערונג נאָכצוקומען די באַשלוסן פון דער יו־ען איז נישט קיין „אולטימאַטום״, נאָר איז אָנגענומען געוואָרן פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, פון איבער גאָר דער וועלט.

די „מאָרגן־פרייהייט״ דערקלערט תמיד, אַז זי איז „אָביעקטיוו״ און גיט אַ מעגלעכקייט פאַרשיידענע מיינונגען צו קומען צום אויסדרוק. מערקווירדיק איז אָבער, וואָס סנה׳ס אַרטיקלען זיינען דאָרט כסדר געדרוקט געוואָרן אויף אַ בכבודיקן אָרט און ער איז תמיד באַצייכנט געוואָרן ווי דער פירער פון דער „קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישראל״.

פּ. נאָוויק האָט געשריבן אין זיין בראָשור „די נאַציאָנאַלע און יידישע פראַגע אין איצטיקן מאָמענט״: „דר. סנה איז מיט אויסערגעוויינלעכער קלאָרקייט, מיט ערודיציע און דער געהעריקער, נויטיקער געוואַגטקייט, צוגעטראָטן צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע — לויט דער סיטואַציע היינט...״

וויפל „מ־פ״ לייענער ווייסן אַשטייגער, אַז דער דאָזיקער „קאָמוניסטישער

פירער״ האָט אין זיין רעפעראַט ביים 16־טן פּלענום פון מק״י אינגאַנצן ניט דערמאָנט די וואַקסנדיקע באַוועגונג אין ישראל פאַר קאָ־עקזיסטענץ און שלום מיט די אַראַבישע שכנים. (די ישראלדיקע שלום־באַוועגונג איז בכלל אין רעפעראַט נישט דערמאָנט געוואָרן). אין דער דאָזיקער באַוועגונג געפינט מען שרייבער, אינטעלעקטואַלן, פּראָפעסאָרן, לערער, פּראָפעסיאָנאַלן און אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע. פאַר די פירער פון מק״י עקזיסטירט זי אָבער ניט. זיי ווילן נישט וויסן, אַז אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט איז מיד פון מלחמות און שטרעבט צו שלום. פונקט פאַרקערט, סנה האָט אַרויסגעוויזן זיין שטאַרקע אָפּאָזיציע צו דער באַוועגונג, וואָס איז פאַר אַ פרידלעכן אויסגלייך מיט די אַראַבישע לענדער, מיט זיין דערקלערונג:

„ווייל אָבער די פאָדערונג, אַז ישראל זאָל זיך צוריקציען צו די ליניעס פון פאַר דער 6־טאָגיקער מלחמה לאָזט זיך הערן פון פאַרשיידענע צדדים — זיינען מיר פאַרפליכטעט קלאָר און דייטלעך צו דערקלערן אונדזער שטעלונג, אַז ישראל וועט זיך פאַר קיין פאַל נישט אומקערן צו די ליניעס פון 4־טן יוני 1967״.

אָט צו וואָס מק״י איז דערגאַנגען אין אירע „קאָמוניסטישע טעזיסן״. זי שפּייט מיט גאַל אויף די „צדדים״ (לייען: שלום־קעמפער), וואָס פאָדערן, אַז די הערשער פון ישראל זאָלן אויפגעבן זייער עקספּאַנסיאָניזם, און לאָזט וויסן, אַז זי האָט געפונען פאַר זיך אַ באַקוועמען אָרט צווישן די שפּאַרבער, וואָס האָבן אָנגענומען די לאָזונגען פון מיליטאַריזם און אָקופּאַציע.

מק״יס שטעלונג צו דער פּליטים־פּראָבלעם

אין דער פּליטים־פּראַגע שפּילט מק״י ווידער אַמאָל די ראָל פון אַן אַפּאָלאָגעטיקער פאַר דער ישראל־רעגירונג. אין זיין אַרויסטריט אויפן 16־טן פּלענום פון צענטראַל קאָמיטעט פון זיין פּאַרטיי האָט סנה געזאָגט:

„כדי צו דערפירן צו אַ גערעכטער לייזונג פונעם פּראָבלעם פון די פּאַלעסטינישע פּליטים דאַרף מען, אין אַ קעגנזייטיקער צושטימונג, פעסטשטעלן די שטחים אויף וועלכע מען זאָל זיי באַזעצן און די צאָלהאַפטע פאַרטיילונג פון די פּליטים, לויט די ערטער פון זייער אַבסאָרבאַציע [איינזאַפּונג — פּ. ה.]; מען דאַרף דורכפירן אַ רעגיאָנאַלן אַנטוויקלונג־פּלאַן, מען דאַרף פאַרזיכערן רעגיאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנסירונג־קוואַלן פאַר אַנטוויקלונג און ווידעראויפבוי. מדינת ישראל וועט געבן איר צושטייער פאַר אַ פאַראייננבאַרטער, קאָנסטרוקטיווער לייזונג פון פּליטים־פּראָבלעם״.

לויט סנהס פּלאַן, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון מק״י האָט גוטגעהייסן, דאַרף מען געפינען פאַר די פּאַלעסטינער פּליטים, „ערטער פון איינזאַפּונג״. לויט דעם דאָזיקן „הומאַניטאַרן״ פּלאַן דאַרף מען באַזעצן די אַראַבישע פּליטלינגען, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער היימלאַנד און די מערסטע פון וועלכע געפינען זיך צענדליקער יאָרן אין גרויליקע לאַגערן, אויף פּלעצער, וואָס מען וועט פאַר זיי „גרויסמוטיק״ באַשטימען. זיי וועלן דאַרפן באַזעצט ווערן, ווי דער הומאַניטאַר, דר. סנה דריקט זיך אויס, אין אַ „צאָלהאַפטער פאַרטיילונג״ [צעזייט און צעשפּרייט — פּ. ה.], אויף גע־

ביטן וואו מען וועט זיין גרייט זיי צו „אַבסאָרבירן“. אין זיין גוט־האַרציקייט איז דר. סנה אַזש גרייט איבערצונעמען די ראָל פונעם „גרויסן פאַטער“ און אייַנצושטעלן פאַרן „אייַנגעזאַפּטן“ פּאַלעסטינישן פאָלק אַ „רעגיאָנאַלן אַנטוויקלונגס פּלאַן“ און זיי אפילו באַזאָרגן מיט „רעגיאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנסירונג־קוואַלן“. ס׳איז גאָר נישטאָ קיין גרענעץ צו זיין גרויסמוטיקייט. ער זאָגט אַזש צו, אַז „ישראל וועט געבן איר צושטייער צו דעם“.

ווען מען שיילט־אויס דר. סנהס פּלאַן פון דער דעמאַגאָגישער מליצה, אין וועלכער ער איז אייַנגעהילט געוואָרן, האָט מען פאַר זיך די שאָוויניסטישע פּראָגראַם פון די הערשער פון ישראל, וועלכע נוצן אכזריותדיקע מיטלען, כדי צו פאַרטרייבן די אַראַבישע באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע געביטן פון זייערע היימען און דערגרייכן אַן אַנעקסיע פון די דאָזיקע שטחים דורך שטעלן די וועלט פאַר אַ פאַרענדיקטן פאַקט פון אייַנגעגלידערטע טעריטאָריס.

אָט־די מאַנעווירירונגען גיט ישראל אַ מעגלעכקייט צו געווינען צייט און שטילערהייט דורכפירן די ליניע פון שוץ־מיניסטער פון ישראל משה דיין און אַנדערע שפּאַרבער אין דער רעגירונג, וואָס באַשטייט אין דער אייַנגלידערונג פון די „באַזיגטע“ שטחים אין דער מדינה. מען דריקט אָפּ פון דאָרט די אַראַבישע אייַנוואוינער דורך קאָנפיסקירן דעם באָדן, אויפרייסן זייערע היימען און אויסאיבן אַן אַדמיניסטראַטיוון און עקאָנאָמישן דרוק.

דעם 20־סטן אויגוסט, 1971, האָט משה דיין, אין אַ רעדע ביי אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, אין רמת־גן, גערופן צו עטאַבלירן אַ פּערמאַנענטע רעגירונג אין די פאַרנומענע אַראַבישע לאַנד־שטרעקעס, וואָס וואָלט פּאַקטיש געמיינט אַן אַנעקסיע פון די דאָזיקע געביטן אויף תמיד. דיינס רעדע האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע קריטיק אין ישראל און אפילו אין וואַשינגטאָן. אַ פאָרשטייער פון סטעיט דעפּאַרטמענט, ראָבערט מעקלאָסקי, האָט געזאָגט ביי אַ פּרעסע־קאָנפערענץ: „מיר באַטראַכטן מיניסטער דיינס דערקלערונג אַלס שעדלעך“. דיין רעכנט זיך אָבער ווייניק מיט דער מיינונג פון דער וועלט.

סוף אויגוסט, 1971, האָט דער דעמאָלטדיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער יו־ען, או טאַנט, געשיקט אַ פּראָטעסט־בריוו צו דער ישראל־רעגירונג אין שייכות מיט אירע ברוטאַלע אַקציעס אין עזה־פּאַס. דער בריוו איז געשיקט געוואָרן נאָך דעם ווי ישראל־באַאַמטע האָבן, מיט צוואַנג, עוואַקויִרט צוויי טויזנט אַראַבישע משפחות פון זייערע וואוין־פּלעצער אין עזה. זייערע היימען זייַנען צעשמעטערט געוואָרן מיט בולדאָזערס. מען האָט זיי דערנאָך אַריבערגעפירט אויף אַנדערע וואוין־פּלעצער.

דער „ניו יאָרק טאַימס“־קאָרעספּאָנדענט ריטשאַרד אידער באַשרייבט, אין אַ באַריכט פון ישראל (אויגוסט 20, 1971) דעם צאָרן, די הילפלאָזיקייט, פרוסטראַציע, האַס און פאַרצווייפלונג, וואָס די גרויזאַמע האַנדלונגען פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע אין עזה רופן־אַרויס ביי די אַראַבישע פליכטלינגען. מיר לייענען אין יענעם באַריכט:

„אָן פּובליסיטי און נישט מאַכנדיק פולשטענדיק קלאָר וואָס זייער

ענדגילטיקע אַבזיכט איז וואָרפן די ישראלים דאָ אַרויס [אַראַבישע] משפחות פון דריי אַממערסטן איבערגעפּאַקטע לאַגערן. זיי [די ישראלים] רייסן־אויף מיט בולדאָזערס די אַראַבישע היימען און שלאָגן־פּאַר אי־בערצווזידלען די פּליכטלינגען אויף נייע וואוין־פּלעצער, מערסטנס אין אל אשיר, אויף דרום פון עזה־פּאַס... דאָס האָט אויפגעטרייסלט עזה ווי אַ שטאַרקע ערד־ציטערניש... דאָס איז דער ערשטער ווייטגייענ־דיקער פּאַרזוך צו ענדערן די לאַגע פון די העכער 300,000 אַראַבישע פּליטים, וואָס זיצן דאָ אין שמוץ, פרוסטראַציע און פּחד — אַ לאַגע, וואָס האַלט־אָן זינט 1948, ווען זיי זיינען אַנטלאָפן [פון זייערע היימען] נאָך דער עטאַבלירונג פון ישראל".

„די [אַראַבישע] באַפעלקערונג פּראָטעסטירט אָן ווירקזאַמקייט. אַ גענעראַל־סטרייק, ווי פריערדיקע אַזעלכע סטרייקס. האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט, נאָך דעם ווי די [ישראל] אַרמיי האָט פאַרמאַכט 15 סטרייקנדיקע וואַרשטאַטן און האָט באַדראָט צו טאָן דאָס זעלביקע אין נאָך וואַרשטאַטן... יעדן טאָג שטעלן מיליטערישע אויטאָס זיך אָפּ ביי, פון 35 ביז 40 שטיבלעך. אַ זעלנער צייכנט אָן אַ שוואַרצן צלם אויף די ווענט, אַ צווייטער לאָזט וויסן די פאַמיליעס, אַז זיי וועלן מוזן פאַר־לאָזן זייערע היימען".

אין די פאַרנומענע געביטן, אויפן מערב־ברעג פון ירדן, פירט די ישראל־מאַכט אַ פּאָליטיק פון עקאָנאָמישער באַהערשונג, וואָס האָט געבראַכט די אַראַבישע באַפעלקערונג צו אַ סעמי־קאָלאָניאַלן סטאַטוס. דאָס ווייזט זיך אַרויס פון די פאַקטן וואָס מען געפינט אין די יערלעכע באַריכטן פון דער באַנק פון ישראל. לאָמיר דאָ ברענגען עטלעכע סטאַטיסטישע ציפערן וועגן דעם.

צוויי־דריטל פון דעם אַלגעמיינעם מסחר פון יענע געביטן ווערט גע־פירט מיט ישראל. 80 פּראָצענט פונעם אימפּאָרט קומט פון ישראל. פון דעם קען מען זען אויף וויפל די דאָרטיקע באַפעלקערונג איז עקאָנאָמיש אָנגע־וויזן אויף ישראל.

אַרום 40 טויזנט אַראַבישע אַרבעטער קומען טעגלעך מיט אָמניבוסן אויף אַרבעט קיין ישראל. די מערסטע פון זיי קומען פון מערב־ברעג פון ירדן, אַ קלענערע צאָל פון עזה־פּאַס. זיי באַקומען אַ לוין, וואָס איז, אין דורכשניט, זעקס פונט ווייניקער ווי דער מינימום־לוין פון די ישראלדיקע אַרבעטער (דער לוין וואָס ישראלדיקע באַלעבאַטים צאָלן אַראַבער פאַר זייער אַרבעט אין די אָקופּירטע געביטן איז פיל קלענער ווי דער אַרבעטס־לוין אין ישראל).

די לאַנדווירטשאַפט אין די מערב־ברעגן פון ירדן האָט זיך פולשטענדיק געביטן זינט דער אָקופּאַציע. פאַר דער 1967־מלחמה איז די אַגריקולטור־פּראָדוקציע זאַרט מערסטנס באַשטאַנען פון פרוכטן און תבואה, איצט ווערן פאַרזייט אַגריקולטור־פּראָדוקטן פאַר אינדוסטריעלן געברויך, ווי, למשל, בוימוואָל, טאַבאַק, און סעסאַם־קערנדלעך. די דאָזיקע פּראָדוקטן ברענגען אַ קלענערע איינקונפט, זיי זיינען אָבער נויטיק פאַר די אינדוסטריעס פון ישראל. די לאַנדווירטשאַפט איז פולשטענדיק אָנגעוויזן אויפן אימפּאָרט פון

ישראל, פון אַגריקולטור־מאַשינען, באַפּרוכפּערונג־שטאָפן, זריעה, א. א. וו.

אויף די מערב־ברעגן פון ירדן האָבן זיך געעפנט אַ סך קליינע וואַרשטאַטן, וואָס שטעלן־צו פּראָדוקטן פאַר גרעסערע ישראלדיקע אונטערנעמונגען. אַזוי אַרום ווערן דאָרט געשאַפן באַדינונג־אינדוסטריעס פאַר ישראל.

אין 1970 האָט דער עקספּאָרט פון יענע געביטן קיין ישראל באַטראָפן 46 מיליאָן פונט, דער אימפּאָרט איז אָבער דערגאַנגען צו 236 מיליאָן פונט.

ישראל האָט איבערגענומען די געוועזענע עגיפּטישע נאַפט־פעלדער, וואָס געפינען זיך אין אָקופּירטן סיני־האַלבאינדזל. די פעלדער פּראָדוצירן זעקס מיליאָן טאָן נאַפט אַ יאָר. עס ווערן געמאַכט צוגרייטונגען צו פאַרגרעסערן די נאַפט־פּראָדוקציע צו צען מיליאָן טאָן, אין צוויי יאָר אַרום. מען אַרבעט שוין אויף פּלענער פאַר דער נאַפט־פּראָדוקציע אין סיני, אין די קומענדיקע 25 יאָר! פאַר דער 1967־מלחמה האָט ישראל געקאָנט באַפרידיקן בלויז מער ווי דריי פּראָצענט פון אירע נאַפט־באַדערפענישן דורך איר אייגענער פּראָדוקציע, איצט האָט זי אַן איבערפלוס פון נאַפט, וואָס זי שיקט־אַרויס אין אַנדערע לענדער. זי איז אַזוי אַרום געוואָרן איינע פון די נאַפט־עקספּאָרטירנדיקע מדינות אויפן מיטל־מזרח.

דעם 11־טן סעפּטעמבער, 1971, האָט די „טאַימס“ געבראַכט אַ נייעס־באַריכט, אונטער אַ קאָפּ: „יו־ען קערפּערשאַפט באַשולדיקט ישראל אין פאַרלעצן דעם אָפּמאַך וועגן אָקופּאַציעס“. אין דער מעלדונג ווערט איבערגעגעבן, אַז אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט צוגעגרייט אַ באַריכט פאַר דער אַלגעמיינער אַסעמבלי, אין וועלכן עס ווערט אָנגעוויזן, אַז ישראל נעמט די נייטיקע שריט פאַר אַ פּערמאַנענטער הערשאַפט איבער די אָקופּירטע טעריטאָריעס און אַז זי פאַרלעצט דערמיט דעם זשענעווער אָפּמאַך פון 1949.

מיר לייענען אין דעם „טאַימס“־באַריכט: „די קאָמיסיע באַשולדיקט, אַז אין געוויסע פּלעצער זיינען דורכגעפירט געוואָרן מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון אַראַבער און אַז דאָס איז אַ פאַרלעצונג פון דעם מענטשן־רעכט אָפּמאַך וואָס די זשענעווער קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען“.

דער צוגאַנג פון מק״י צו זעלבסט־באַשטימונג

ד״ר. סנה האָט ניט געזשאַלעוועט אין זיינע „טעזיסן“ קיין דעמאַגאָגישע „גוט־ווילן“־דערקלערונגען. ער האָט גערעדט וועגן „קאָ־עקזיסטענץ“ פון דעם פּאַלעסטינישן פאָלק מיטן פאָלק פון ישראל. וואָס פאַר אַ קאָ־עקזיסטענץ האָט ער אָבער געהאַט אין זינען? דורך זיין שטיצן דעם אימפּעריאַליזם און קאָלאָניאַליזם פון דער ישראל־מאַכט ווייזט ער קלאָר, אַז „קאָ־עקזיסטענץ“ מיינט ביי אים פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע אונטערדריקונג פון די „באַזיגטע“ פּאַלעסטינער. מען מעג אָבער פרעגן, צי זיינען אַזעלכע פּלענער ניט אַ ביסל צו־שפּעט, צי וועלן די שאָוויניסטישע שפּאַרבער פון ישראל קענען אַרויפצווינגען זייער „פּראָגראַם“ אויף דעם פּאַלעסטינישן פאָלק, אין דער צווייטער העלפט פון 20־סטן יאָרהונדערט ווען די אונטערדריקטע פעלקער אין אַזיע, אַפריקע און דרום־אַמעריקע שטורעמען מיט נאַציאָנאַלע באַפרייאונג־קאַמפן. ס׳ווילט זיך פרעגן: האָבן די פירער פון

מק״י, נישט „פּאַרשפּעקטיוו די באַן?״

דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג פאַרן פּאַלעסטינישן פאָלק איז אַ פראַגע וואָס וועט מוזן פאַרענטפערט ווערן, כדי צו לייזן דעם קריזיס אויפן מיטל־מזרח. פאַרשיידענע ריכטונגען פון דער פּאַלעסטינישער באַפרייאונגס־באַוועגונג האָבן אַ פאַרשיידנאַרטיקן צוגאַנג צו דער דאָזיקער פּראָבלעם. די שטעלונג פון די פּראָגרעסיווע יידישע קרייזן, וואָס זוכן אַ גערעכטע לייזונג פאַר דער פראַגע איז, אַז זי וועט מוזן געשליכטעט ווערן דורך די פּאַלעס־טינישע אַראַבער גופא, נאָך דעם ווי זיי וועלן דערגרייכן די באַפרייאונג פון די אָקופּירטע געביטן און די פאַרזיכערונג פון זייערע רעכט. די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי פון ישראל, רק״ח, ווייזט קאַטעגאָריש צוריק די ליניע פון אַל פאַטאַה און נאָך אַראַבישע גרופּן, וואָס זיינען קעגן דער עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה און ווילן אָפּווישן ישראל. אַזאַ צוגאַנג נעגירט דאָס רעכט פון ישראל־פאָלק אויף זעלבסט־דעטערמינירונג. די עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל קען פון קיינעם ניט אָפּגעפרעגט ווערן. ביידע פעלקער — דאָס ישראל־פאָלק און דאָס פּאַלעסטיניש־אַראַבישע פאָלק — האָבן אַ רעכט אויף נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג.

לעצטנס ווערט אויפגעהויבן די פראַגע פון אַן אומאָפּהענגיקער, אַראַביש־פּאַלעסטינישער מדינה אויף די אָקופּירטע מערב־ברעגן פון ירדן. מען הערט אפילו אָנדייטונגען וועגן דעם פון אויסגעשפּראָכענע ישראלדיקע שפּאַרבער, וועלכע באַטראַכטן דאָס ווי אַ מיטל צו לייזן די פּליטים־פּראָבלעם, נישט נאָכ־קומענדיק דעם יו״ען באַשלוס, וואָס גיט די אַראַבישע פּליכטלינגען דאָס רעכט צוריקצוקומען אין זייער היימלאַנד אָדער צו קריגן קאָמפּענסאַציע. ס׳איז קוים נויטיק צו זאָגן, אַז אַ פּאַלעסטינישער „שטאַט״, וואָס וועט זיין אָנגעמבאַר פאַר די דאָזיקע קרייזן, וועט דאַרפן זיין פולשטענדיק אָפּהענגיק פון ישראל און וועט טראָגן אַ סעמי־קאָלאָניאַלן כאַראַקטער.

מק״י נעמט אין דער פראַגע פון זעלבסט־באַשטימונג אַן ענלעכע שטע־לונג. סנה האָט געערעדט אין זיין אויפטריט ביים 16־טן פּלענום וועגן „דאָס רעכט פון פּאַלעסטינישן אַראַבישן פאָלק אויף זעלבסט־באַשטימונג, אויף אַן אייגענעם פרייען נאַציאָנאַלן קיום, וואָס זאָל רעאַליזירט ווערן אויפן יסוד פון פרידלעכער קאָ־עקזיסטענץ מיטן ישראלדיקן פאָלק, מיט דער ישראלדיקער מדינה״.

געוויס האָט דאָס פּאַלעסטינישע פאָלק אַ רעכט אויף זעלבסט־באַשטי־מונג, אָבער וואָס פאַראַ זעלבסט־באַשטימונג האָט דר. סנה געהאַט אין זי־נען? ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז אונטער סעמי־קאָלאָניאַלע באַדינגונגען מיי־נען די רייד וועגן „זעלבסט־באַשטימונג און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג״ גאָר־נישט. וואָלט סנה באמת געוואָלט אויפריכטיק מיט זיין „זעלבסט־באַשטימונג״־לאָזונג וואָלט ער נישט פאַרשוויגן די אכזריותדיקע אונטערדריקונג פון די אַראַבישע פּליטים דורך דער אָקופּירנדיקער ישראל־מאַכט. זעלבסט־באַשטי־מונג קאָן נישט קומען, ווי סנה וויל דאָס האָבן, אַלס רעזולטאַט פון דיקטאַט און פאַראָרדענונגען, אָדער דורך אַ באַשלוס פון דרויסנדיקע צדדים וועגן דעם גורל פון פּאַלעסטינישן פאָלק. ווי פריער אָנגעוויזן, וועט דאָס זיין אַן ענין דורכצופירן פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג, נאָך דעם ווי זי וועט

געווינען איר באַפרייאונג. פריער פון אַלץ מוז ישראל אָנערקענען דאָס רעכט פון די אַראַבישע פליטים אויף רעפּאַטריאירונג אָדער קאָמפּענסאַציע. דאָס איז דער איינציקער רעאַליסטישער וועג פאַר דער דערגרייכונג פון אַ דויער־האַפטן שלום אויפן מיטל־מזרח. קיין אַנדער אויסוועג וועט ניט זיין אָנ־גענומען, ניט פאַר די אַראַבישע לענדער, וואָס פילן אַ מאָראַלישע פאַרפליכ־טונג צו העלפן רעפּאַטריאירן די פליכטלינגען אין פאַרוואָרלאָזטע לאַגערן, נישט פאַר די אַראַבער אין די אָקופּירטע געביטן, וועלכע האָבן אויסגעהאַ־מערט אַ שטאַרקע באַפרייאונגס־באַוועגונג און שטייען אין מסירת־נפשדיקע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע קאַמפּן פאַר פרייהייט און ווירדע, נישט פאַר דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט, וואָס ווייזט־צוריק דעם עקספּאַנסיאָניזם פון די ישראל־הערשער. דאָס פאָלק פון ישראל באַצאָלט אַ טייערן פּרייז פאַר דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון דער גאָלדע מאיר־רעגירונג. ישראל איז געוואָרן פאַראיינזאַמט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע און די רע־גירונג האָט אַרויפגעצוואונגען אויף די פאָלקס־מאַסן אַ, כמעט אומדערטרעג־לעכע, עקאָנאָמישע לאַסט. די אומצופרידנקייט פון די האַרעפּאַשנע פאָלקס־מאַסן קומט צום אויסדרוק אין דער וואַקסנדיקער צאָל סטרייקס און אין אַנ־דערע פּראָטעסט־אויסדרוקן. די אָרעמקייט אין לאַנד שטייגט.

אפילו די פירער פון מק״י קאָנען ניט פאַרקוקן די וועלט־פּראָטעסטן קעגן דער פאַרכאַפּונג־פּאָליטיק פון די ישראלדיקע מאַכט־האָבער. אין אַן אַרטיקל אין „דבר" (אַפּריל 6, 1971) שרייבט סנה מיט פאַרדרוס, אַז עס האָט זיך גע־שאַפן אַ „שאַרפער אינטערנאַציאָנאַלער דרוק, אַז ישראל זאָל זיך צוריקציען צו די ליניעס פון וואָפנשטילשטאַנד פון פאַר יוני 1967".

דר. סנהס פּאַטערנאַליסטישער פּלאַן צו דעטערמינירן דעם גורל פון דעם פּאַלעסטינישן פאָלק איז אַ געשיכטלעכער אומזין אין דער איצטיקער תקופה פון נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונגען און רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן. די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון פּאַלעסטיניש־אַראַבישן פאָלק קענען נישט רעאַליזירט ווערן דורך פאַרהאַנדלונגען ביי קאָנפערענץ־טישן. זיי וועלן אויס־געפורעמט ווערן אין קאַמפּן פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פרייהייט און גלייכהייט. דאָס פּאַלעסטינישע פאָלק וועט באַשטימען זיין אייגענעם קיום. די סאָציאַלע און פּאָליטישע סיסטעם פון דער פּאַלעסטיניש־אַראַבישער נאַ־ציע — ווי פון די אַנדערע פעלקער אין יענעם ראַיאָן — וועט זיין אָפּהענגיק פון די געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען, קלאַסן־באַציאונגען און נייע באַדינגונגען, וואָס וועלן זיך שאַפן אין פּראָצעס פון די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג־קאַמפּן און אַנדערע געשעענישן.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון רק״ח, מאיר ווילנער, גיט דער דאָזיקער פראַגע אַ ברייטע באַלויכטונג אין אַן אַרטיקל אין „קאָמענט", וואָכנשריפט פון דער בריטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מ. ווילנער דערקלערט:

„די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ישראל און צוזאַמען מיט אונדז די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג, און די מערהייט פון די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע און פּראָגרעסיווע כוחות אויף דער וועלט, גייען אַרויס פון דעם פונדאַמענטאַלן איינשטעל, אַז פּאַלעסטינע איז געוואָרן, אין גאַנג פון געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען, אָפּגעזען פון די

סיבות און באַדינגונגען וואָס האָבן געפירט צו דעם, אַ ביי־נאַציאָנאַלער שטאַט. זייט־ביי־זייט מיטן פּאַליסטיניש־אַראַבישן פאָלק האָט זיך געשאַפן אין לאַנד אַ יידיש פאָלק, אַ יידישע נאַציע. [מען דאַרף נישט פאַרמישן דעם באַגריף וועגן אַ געשאַפענער יידישער נאַציע אין פּאַלעסטינע מיטן ציוניסטישן באַגריף וועגן אַן עקסטראַ־טעריטאָריעלער יידישער וועלט־נאַציע].

„אונטער די איצטיקע היסטאָרישע באַדינגונגען... איז דאָס שטעלן אונטער אַ פראַגע צייכן די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל ווי אַ סואווערענע מדינה נישט ריכטיק און נישט רעאַליסטיש. אַזאַ צוגאַנג קען, פריער פון אַלץ, שעדיקן דעם אַראַבישן פאָלק גופא. צו דער זעלבער צייט וואָרענען מיר, די קאָמוניסטן פון ישראל, טאָג־טעגלעך, די ציוניסטישע הערשער פון ישראל, אַז זייער אַגרעסיווע, פּראָ־אימפּעריאַליסטישע און אַנטי־אַראַבישע פּאָליטיק קען ברענגען אַן ערנסטן שאָדן דער יידישער מדינה. מיר וואָרענען דאָס פאָלק פון ישראל, אַז די הערשער פונעם לאַנד, וואָס זיינען אַמנאָענטסטן פאַרבונדן מיטן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, קענען ברענגען אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע פאַר ישראל; אַז זיי שטעלן אין געפאַר די צוקונפט און די עצם עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה".

פאַרגלייכנדיק דעם צוגאַנג פון רק"ח און מק"י צו דער פּליטים־פּראָבלעם און דער נאַציאָנאַלער פראַגע פון דעם פּאַלעסטיניש־אַראַבישן פאָלק געפינען מיר אַ פולשטענדיקן היפוך אין זייער שטעלונג צו די דאָזיקע פּראָבלעמען. מיר זעען, אַז רק"ח נעמט אַ פּרינציפּיעלע, מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע שטעלונג פון אַנטי־אימפּעריאַליסטישן, אַנטי־ציוניסטישן קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און די רעכט פון דעם פּאַלעסטיניש־אַראַבישן פאָלק, און די דעמאָקראַטישע רעכט פון די ישראלדיקע פאָלקס־מאַסן, אין ברידערלעכער אייניקייט מיט די אַראַבישע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע באַפרייאונג־קעמפער. רק"ח קעמפט קעגן דער וואַקסנדיקער עקספּלואַטאַציע פון די יידישע און אַראַבישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן פון ישראל, שטאַרקט די שלום־באַוועגונג און העלפט צעמענטירן די אייניקייט פון ביידע פעלקער, לויט מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע ליניעס.

מק"י אָבער נוצט דעם פּראָגרעסיוון לאָזונג פון זעלבסט־באַשטימונג צו פאַרדעקן איר אַנטי־אַראַבישן שאָוויניזם און איר צושטימונג צו דער אַנעקסיאָניסטיש־אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון די הערשער פון ישראל. די פירער פון מק"י באַנוצן זיך מיטן לאָזונג פון כלומערשטער „זעלבסט־באַשטימונג", כדי אַריבערצוגעווינען געוויסע עלעמענטן אין די פּראָגרעסיווע ריייען, און אפילו אין קאָמוניסטישן לאַגער, פאַר אַ נאַציאָנאַליסטישער פּראָגראַם פון טיילווייזער אַנעקסיע פון די אָקופּירטע זאָנעס און סעמי־קאָלאָניאַלער עקספּלואַטאַציע פון דער דאָרטיקער אַראַבישער באַפעלקערונג, צוזאַמען מיט אַ פולשטענדיקן צוריקטריט מצד ישראל צו די וואַפן־רו ליניעס פון פאַר יוני 1967, אין איינקלאַנג מיטן באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער פראַגע איז אויך בולט אָנצוּווייזן, אַז דר. סנה האָט מיסרעפּרעזענטירט די באַשלוסן פון דער יו־ען וועגן די פּאַ־

לעסטינישע פליכטלינגען, כדי צו באַרעכטיקן זיין שאָוויניזם. ער האָט געפּרואווט שאַפן דעם איינדרוק, אין אַרטיקלען און רעדעס, אַז די פּאַראייניקטע פעלקער־אָרגאַניזאַציע האָט קיין מאָל נישט אָנגענומען קיין באַשלוס, וואָס גיט די פּאַלעסטינישע פליכטלינגען דאָס רעכט צוריקצוקומען אין זייערע פריערדיקע היימען אָדער צו באַקומען אַ פּאַרגיטיקונג.

וואָס זיינען די אמתע פאַקטן? דעם 11טן דעצעמבער, 1948, בעת די שלאַכטן אין דער דעמאָלטדיקער ישראל־אַראַבישער מלחמה האָבן אָנגעהויבן זיך איינשטילן, האָט די אַלגעמיינע אַסעמבלי פון די פּאַראייניקטע פעלקער אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, לויט וועלכער עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַן אויסגלייך־קאָמיסיע, מיט דער פאַרטרעטערשאַפט פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, פראַנקרייך און טערקיי. אין יענער רעזאָלוציע ווערט געזאָגט: „די אַראַבישע פליטים, וואָס ווילן זיך צוריקקערן אַהיים און לעבן בשלום מיט זייערע שכנים, זאָל דערלויבט ווערן דאָס צו טאָן אַזוי שנעל ווי מעגלעך. עס זאָל אויסגעצאָלט ווערן קאָמפּענסאַציע צו די, וואָס וועלן אויסקלייבן זיך נישט צוריקצוקערן" (יו־ען אַלגעמיינע אַסעמבלי רעזאָלוציע, נמ. 111/194, פּאַראַגראַף 2).

דער דעמאָלטדיקער פּרעמיער פון ישראל, דוד בן־גוריון, האָט איגנאָרירט דעם דאָזיקן באַשלוס און די פאָדערונגען פון דעם יו־ען פאַרמיטלער בערנאַדאָט, אַז ישראל זאָל אַרייננעמען די פליכטלינגען. ער האָט דערקלערט אין יולי, 1949: „מיר מוזן טאָן אַלץ וואָס עס איז אין אונדזער מאַכט, צו מאַכן זיכער, אַז זיי [די פליטים] וועלן קיין מאָל נישט צוריקקומען". די לאַגע האָט זיך, זינט דעמאָלט, נישט געביטן. יעדעס יאָר, ביי די באַשטימונגען פון פאָנדן פאַר די הילפס־אַקציעס פאַר פּאַלעסטינישע פליכטלינגען ווערט די רעזאָלוציע נומער 194 אויפסניי גוטגעהייסן אין דער יו־ען. די ישראל־רעגירונג איגנאָרירט כסדר די דאָזיקע באַשלוסן. או טאַנט האָט באַריכטעט, דעם 5־טן מערץ, 1971, אַז די רעגירונג פון ישראל זאָגט זיך אָפּ איבערצונעמען וואָסער עס איז פאַרפליכטונגען אין שייכות צו דער ליזונג פון דער פליטים־פּראָבלעם.

סנה פעלשט לענינען

אין זיינע באַמיאונגען צו באַהאַלטן דעם שאָוויניסטישן פּנים פון מק"י האָט דר. סנה ציטירט אפילו לענינען און געזידלט דערביי די פירער פון רק"ח. מיט אַן אומגעהויערער הפקרות האָט דער „טעאָרעטיקער" פון מק"י פאַרקריפּלט לענינס פּרינציפּן און גענוצט די געבראַכטע ציטאַטעס צו רעכטפערטיקן זיין אָפּאָרטוניזם (אין „טעאָרעטישע" אַרטיקלען, אין דער „מאָרגן־פרייהייט", ווערן ציטאַטעס פון לענינען מיסברויכט אויף אַן ענלעכן אופן). אין זיין רעדע ביים 16־טן פּלענום פון צ. ק. פון מק"י קומט סנה אַרויס מיטן פאָלגנדיקן זאָג:

„רק"ח און איר נאָכשלעפּער פעלשן הויפּטזעכלעך לענינען און זיינע ווערטער וועגן באַגריף פון אַנעקסיעס און כדי צו פאַרשטאָפּן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, די מיילער פון די דאָזיקע פעלשער, ווילן מיר דערמאָנען די דעפיניציע פון אַנעקסיעס, ווי לענין האָט דאָס ריכטיק

פאַרשטאַנען".

לאָמיר זיך באַקענען מיט סנהס טעכניק. ער האָט געזוכט צו באַרעכ־טיקן זיין רעוויזיאָניסטישע „טעאָריע" מיט אַ פּאָר פּאַראַגראַפן, וואָס ער האָט אַרויסגעפּליקט פון לענינס ווערק און האָט זיי געגעבן אַ פאַלשן אויס־טייטש. לייענענדיק די דאָזיקע אויסצוגן, וועלכע סנה האָט גענומען פון דער פעריטער רוסישער אויסגאַבע פון לענינס שריפטן, באַמערקט מען, אַז געוויסע פלעצער זיינען דאָרט אויסגעלאָזט געוואָרן און דער סדר פון די ציטירטע פּאַראַגראַפן איז געביטן געוואָרן.

לאָמיר אָנהויבן מיט דער צווייטער ציטאַטע, ווייל דאָ איז די פעלשונג אַזאַ האַמעטנע, אַז מען קען זי אַזש „אָנטאַפּן מיט די פינגער". סנה ציטירט אַ פּאַראַגראַף פון אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער פראַגע פון אַנעקסיעס, וואָס לענין האָט געשריבן אין יולי 1916, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין סנהס „באַאַרבעטונג" לייענט זיך דער פּאַראַגראַף אַזוי: „ווי אַזוי איר זאָלט זיך נישט דרייען וועט איר נישט אויסמיידן דעם אויספיר: אַנעקסיע מיינט די צונישטמאַכונג פון דער זעלבסט־באַשטימונג פון אַ נאַ־ציע... זיין קעגן אַנעקסיע הייסט זיין פאַרן רעכט פון זעלבסט־באַשטימונג".

ביי סנהן קומט־אויס, אַז היות מק"י איז פאַר זעלבסט־באַשטימונג פון דעם פּאַלעסטינישן פאָלק קען קיינער זי נישט באַשולדיקן, אַז זי וויזט צו־ריק לענינס לערע. מיר האָבן אָבער פריער געזען וואָס ביי מק"י מיינט „זעלבסט־באַשטימונג" פאַר די אַראַבער. ער האָט אגב אויסגעלאָזט דעם עיקר־פּונקט אין דער ציטאַטע, אין וועלכער דער געניאַלער לענין האָט אויסדריק־לעך געוואָרנט קעגן דער פאָרם פון אַנעקסיע, וואָס ווערט געשטיצט דורך מק"י. דער אויסצוג, וואָס ער ציטירט יאָ, איז ביי אים פאַרדרייט געוואָרן, כדי צו דינען זיין צוועק. סנה האָט ציטירט די ערשטע העלפט פון אַ זאַץ פון לענינס טעקסט, אויסגעלאָזט די צווייטע העלפט און צוגעטשעפּעט אַ זאַץ פון אַ נאָכפאָלגנדיקן פּאַראַגראַף. אויסלאָזנדיק דעם נאָכפאָלגנדיקן זאַץ. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן, כדי צו באַהאַלטן דעם אמתן מיין פון לענינס דער־קלערונג. די ציטאַטע, אין אָריגינאַל, לייענט זיך אַזוי:

„ווי אַזוי איר זאָלט זיך נישט דרייען וועט איר נישט אויסמיידן דעם אויספיר: אַנעקסיע מיינט די צונישטמאַכונג פון דער זעלבסט־באַשטימונג פון אַ נאַציע, די עטאַבלירונג פון מלוכה־גרענעצן קעגן דעםווילן פונעם פאָלק.

„צו זיין קעגן אַנעקסיעס מיינט זיין פאַרן רעכט פון זעלבסט־באַשטימונג. צו זיין קעגן דעם האַלטן פון אַ פאָלק מיט צוואַנג אין די גרענעצן פון אַן [אונטערדריקנדיקער] מלוכה מיינט זיין פאַר זעלבסט־באַשטימונג..." (די ציטאַטעס, וואָס ווערן דאָ געבראַכט קומען פון דער ענגלישער איבערזעצונג פון דער פערטער רוסישער אויסגאַבע פון לענינס ווערק, באַנד 22, זייט 328).

סנה האָט אויסגעלאָזט די צווי זאַצן: „[אַנעקסיע מיינט] די עטאַבלירונג פון מלוכה־גרענעצן קעגן דעם ווילן פון אַ פאָלק" און „זיין קעגן דאָס האַלטן פון אַ פאָלק מיט צוואַנג אין די גרענעצן פון אַ מלוכה מיינט זיי פאַר זעלבסט־באַשטימונג". דאָס איז געטאָן געוואָרן מחמת אין די דאָזיקע צווי זאַצן

ווערט בולט אויפגעדעקט דער שאָוויניזם און די דעמאַגאָגיע פון מק״י, וואָס קומט כלומרשט אַרויס פאַר „זעלבסט־באַשטימונג״ פון די פּאַלעסטינישע אַראַבער, נאָר גיט איר פולע שטיצע צום דער אַנעקסיע־פּראָגראַם פון דער ישראל־רעגירונג, פאָדערנדיק, אַז ישראל זאָל פאַרבלייבן ביי אָקופּירטע שטחים, וועלכע נעמען־אַריין מזרח־ירושלים, שאַרם־אַ־שייך, טיילן פון סיני, די בערג־קייטן פון גולן א. א. וו. דאָס מיינט, פאַרשטייט זיך, אַז מק״י איז פאַר דעם, אַז מאַסן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג זאָלן געהאַלטן ווערן אין די גרענעצן פון ישראל קעגן זייער ווילן, וואָס איז אַ דירעקטע נעגירונג פון לענינס פּרינציפּן.

איצט לאָמיר זיך באַקענען מיט דער ערשטער ציטאַטע פון לענינען אין סנהס פאַרטראַג. ער האָט גענומען דעם דאָזיקן אויסצוג פון אַ מעמאָראַנדום, וואָס לענין האָט צוגעשטעלט, אין 1916, צו דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, וועלכע איז דעמאָלט געווען די פירנדיקע קערפּערשאַפט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. מען דאַרף געדענקען, אַז נאָכן אויסברוך פון דער 1־טער וועלט־מלחמה איז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איבערגענומען געוואָרן דורך די פירער פון די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַן אינסטרומענט פון סאָציאַל־שאָוויניזם. אין דעם מעמאָראַנדום, פּונקט אַזוי ווי אין נאָך צענדליקער דערקלערונגען, אַרטיקלען, רעדעס און פּאַמפלעטן, האָט לענין זיך דעמאָלט געשטעלט די אויפגאַבע אויפצודעקן די שענדלעכע שטעלונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, וועלכע האָבן, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַרראַטן דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, און האָבן אין יעדן לאַנד געשטיצט „זייער״ בורזשואַזי. לענין האָט אויפגעוויזן, אַז דער וועלט־קריג פון 1914־1918 איז נישט געווען קיין מלחמה פאַר „נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג״, ווי די סאָציאַל־שאָוויניסטן האָבן דאָס אויסגעטייטשט, נאָר אַן אימפּעריאַליסטישע מלחמה, אין וועלכער קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן זיך געשלאָגן פאַר וואָס גרעסערע פּראָפיטן, פאַר קאָלאָניאַלן רויב און אַנעקסיע פון טעריטאָריעס.

לענין איז אומדערמידלעך אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פאַרראַט פון די סאָציאַל־שאָוויניסטן און האָט גערופן די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם. אין דעם דערמאָנטן מעמאָראַנדום האָט לענין דערקלערט: „אָנצונעמען, אַז פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה קען אַרויסקומען אַ דעמאָקראַטישער שלום מיינט אויסבייטן היסטאָרישע שטודיעס אויף וואולגאַרע פראַזן״. (אָט־די באַמערקונג איז אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט צום „שלום־פּלאַן״ פון מק״י). ער האָט באַטאָנט, אַז די פאַררעטערישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן אָפּגענאַרט די פאָלקס־מאַסן אין זייערע לענדער דורך דעם, וואָס זיי האָבן פאַרענטפערט די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון זייער בורזשואַזי, באַצייכענענדיק די רויבערישע מלחמה ווי אַ „פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד״. זיי האָבן גערעדט וועגן אַ כלומרשטער „ערלעכער״ פאַרטיידיקונג, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די מלחמה־אַקציעס פון דער „אייגענער״ אַרמיי און האָבן באַצייכנט די אָנגריפן פון שונא אַלס „אומערלעכע אַטאַקעס״. זיי האָבן געשטיצט די אַנעקסיעס פון זייערע רעגירונגען און זיינען גלייכצייטיק כלומרשט אַרויסגעטראָטן

פאַר אַ „דעמאָקראַטישן שלום“. לעניִן האָט אָנגעוויזן, אַז די מלחמה איז געפירט געוואָרן פאַר פינאַנציעלער פּלינדערונג, קאָלאָניאַלן רויב און נאַציאָנאַ'לער אונטערדריקונג. ער האָט גערופן צום קאַמף קעגן דער פאַרשטאַרקטער רעאַקציע און קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און האָט פאַרדאַמט די כלומרשטע „שלום־פּראָגראַם“, וואָס די פאַרשטייער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן פאַרגעבראַכט אין זייערע שאָוויניסטישע דעקלאַראַציעס.

אין דעם מעמאָראַנדום צום אויספיר־קאָמיטעט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט לעניִן אָנגעווענדט זיין טעזע וועגן אַנעקסיעס, צו די דעמאָלטדיקע געשיכטלעכע באַדינגונגען, אויפווייזנדיק דעם היפּאָקריטישן כאַראַקטער פון די סאָציאַל־שאָוויניסטישע „שלום־פּלענער“. וואָס האָט דר. סנה געטאָן? ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון דעם דאָזיקן היסטאָרישן דאָקומענט אַ פּאַראַגראַף, פון וועלכן ער האָט אויסגעלאָזט וויכטיקע זאַצן, כדי צוצופּאַסן לעניִנס פּרינציפּן צו זיין רעוויזיאָניסטישער „טעאָריע“. מיר ברענגען דאָ דעם פּאַראַגראַף, אין דער פאָרם, אין וועלכער סנה האָט אים „באַאַרבעט“:

„עס איז נויטווענדיק אויפצוקלערן וואָס עס איז אַזוינס אַנעקסיע, פאַרוואָס און ווי אַזוי זיינען סאָציאַליסטן פאַרפליכטעט צו קעמפן קעגן אַנעקסיעס. אַלס אַנעקסיע טאָר נישט באַטראַכט ווערן די אָנשליסונג פון יעדן ,פרעמדן' שטח... און נישט יעדע פאַרלעצונג פון סטאַטוס־קוואָ... און אפילו נישט קיין מלחמהדיקער אָנשלוס... אַלס אַנעקסיע דאַרף באַטראַכט ווערן בלויז דאָס אָנשליסן פון אַ שטח צו אַ צווייטער מדינה אין קעגנזאַץ צום ווילן פון זיין באַפעלקערונג; מיט אַנדערע ווערטער, דער באַגריף פון אַנעקסיע איז אומצערייסבאַר מיטן באַגריף פון זעלבסט־באַשטימונג פון פעלקער“.

באַמערקט, אפילו אין אָט־דעם, צעקאַליעטשטן פּאַראַגראַף, פון וועלכן עטלעכע אויסצוגן זיינען אַרויסגעשניטן געוואָרן, האָט סנה געמוזט איבערלאָזן דעם זאַץ: „אַלס אַנעקסיע דאַרף באַטראַכט ווערן בלויז דאָס אָנשליסן פון אַ שטח צו אַ צווייטער מדינה אין קעגנזאַץ צום ווילן פון זיין באַפעלקערונג“. דאָס אַליין איז שוין גענוג אויפצודעקן דעם שאָוויניזם פון מק״י, וועלכע פאָדערט די אָנשליסונג צו ישראל פון באַדייטנדיקע אָקופּירטע שטחים קעגן דעם ווילן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

ביי די פירער פון מק״י קומט־אויס, אַז די וואָס זיינען קעגן פאַרכאַפּן טעריטאָריעס און קעגן קאָלאָניאַלער פּאָליטיק, „פעלשן לעניִנען“, און די, וואָס זיינען פאַר אַנעקסיעס (לויט סנהס טערמינאָלאָגיע הייסט עס: „גרענעצן פון קעגנזייטיקער הסכמה“) זיינען „די אמתע נאָכפאָלגער פון לעניִנס לערע“. סנה האָט זיך אַזש דערעדט צום אַבסורד, אַז די אימפּעריאַליסטישע הערשער פון ישראל זיינען באַרעכטיקט „לויט לעניִנען“ צו ענדערן דעם סטאַטוס־קוואָ ביי די ישראלדיקע גרענעצן דורך אויסברייטן זיי אויפן חשבון פון די אַראַבישע שכנים. ס'איז קוים נויטיק צו זאָגן, אַז מיט אַזאַ „טעאָריע“ קען מען באַרעכטיקן יעדע אימפּעריאַליסטישע טעריטאָריעלע רויבערייַ. לאָמיר זען, ווי אַזוי סנה מאַניפּולירט מיט לעניִנס ווערטער, כדי ריינצוּוואַשן דעם עקספּאַנסיאָניזם פון דער ישראל־מאַכט. ער דריקט זיך אויס אין זיין רעפעראַט:

„דאַקעגן אָבער די פאָדערונג פון ישראל, אַז זי זאָל זיך צוריקציען

צו די ליניעס פון 4־טן יוני, 1967, [illegible] 6־טאָגיקער מלחמה — דאָס האָט קיין שום שייכות נישט מיטן אופן ווי סאָציאַליסטן זיינען פאַרפליכטעט צו קעמפן קעגן אַנעקסיעס, ווייל לויט לעניגען קומט־אויס, אַז אויב די סאָציאַליסטן וואָלטן זיך אַנט־קעגנגעשטעלט יעדער ענדערונג פון סטאַטוס־קוואָ וואָלט דאָס גע־ווען די גרעסטע רעאַקציאָנערישקייט און אַן אויסלאַכונג פון די עלע־מענטאַרסטע באַגריפן פון היסטאָרישער וויסנשאַפט".

ווי אַזוי קומט סנה צו דער דאָזיקע, העזהדיקער פעלשונג פון לענינען? דער ענטפער איז אַ פשוטער, דורך אַרויסכאַפּן ווערטער און אָפּהאַקן זאַצן פון לענינס טעקסט. ער זשאָנגלירט מיט לענינס אויסצוגן ווי אַ קונצן־מאַכער זשאָנגלירט מיט פּילקעס ביי אַ צירק־פאָרשטעלונג. סנה האָט אַרויס־געכאַפּט דריי אָפּגעהאַקטע זאַצן פון לענינען. לויט זיין נוסח לייענען זיי זיך: „אַלס אַנעקסיע טאָר נישט באַטראַכט ווערן די אַנשליסונג פון יעדן ‚פרעמדן' שטח... און נית יעדע פאַרלעצונג פון סטאַטוס־קוואָ... און אפילו נישט קיין מלחמהדיקער אַנשלוס..."

איצט לאָמיר זיך באַקענען מיטן פולן טעקסט פון דער ציטאַטע, אַריינ־נעמענדיק די זאַץ־טיילן, וואָס סנה האָט פון דאָרט אַרויסגעפליקט. לענין האָט געשריבן:

„די אַנשליסונג פון יעדער פרעמדער טעריטאָריע קען נישט באַ־צייכנט ווערן ווי אַן אַנעקסיע, ווייל סאָציאַליסטן זיינען, אין אַלגעמיין גענומען, פאַר דער אָפּשאַפונג פון גרענעצן צווישן פעלקער און פאַר דער פאַראייניקונג פון גרעסערע מדינות; יעדע פאַרלעצונג פון סטאַ־טוס־קוואָ קען אויך נית באַצייכנט ווערן ווי אַן אַנעקסיע, ווייל דאָס וואָלט געווען זייער רעאַקציאָנער און אַן אָפּשפּאָטונג פון די פונדאַ־מענטאַלע באַגריפן פון געשיכטלעכער וויסנשאַפט; אויך יעדער מי־ליטערישער אַנשלוס פון טעריטאָריע קען נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אַנעקסיע, ווייל סאָציאַליסטן קענען נית צוריקווייזן גוואַלטזאַמקייט און מלחמות, וואָס זיינען אין די אינטערעסן פון דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג..."

אין דער דאָזיקער דערקלערונג באַטאָנט לענין, אַז סאָציאַליסטן קענען נית זיין קעגן באַפרייאונגס־מלחמות, וואָס זיינען אין די אינטערעסן פון דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג. דאָס הייסט, קעגן מלחמות, וואָס זיינען געצילט צו ברעכן די הערשאַפט פון אימפּעריאַליסטישע אונטערדריקער. דר. סנה זוכט צו פאַרבלענדן די אויגן פון זיינע נאָכפאָלגער, נוצנדיק איינ־צעלנע ווערטער און אָפּגעשניטענע זאַצן פון לענינס טעקסט. לענין דער־קלערט, אַז אונטערדריקטע פעלקער זיינען בארעכטיקט צו ברעכן דעם סטאַטוס־קוואָ, כדי צו קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג. סנה זאָגט, אַז ישראל, וועלכע וויל פאַראייגענען טעריאָריעס, וואָס זי האָט פאַרכאַפּט אין דער 6־טאָגיקער מלחמה, האָט דאָס רעכט אָנצוהאַלטן איר טעריטאָריעלן רויב.

ס'איז געוויס נית קיין צופאַל, וואָס סנה האָט נישט ציטירט דעם פּאַראַ־גראַף פון לענינס דערקלערונג, וועלכער קומט תיכף נאָך דעם פּאַראַגראַף, וואָס ער האָט יאָ ציטירט. אין יענעם פּאַראַגראַף ווייזט לענין אָן ווי אַזוי

״יאוויניסטן פון סנהס הדר נוצן דעמאַגאָגישע אַרגומענטאַציעס, כדי צו באַהאַלטן זייער אַנעקסיאָניזם. לעניןְ האָט געשריבן:

„כדי ניט צו דערלאָזן, אַז דער קאַמף קעגן אַנעקסיעס זאָל טראָגן דעם כאַראַקטער פון היפּאָקריטסטווע, אָדער פון פּוסטע פראַזן, כדי דאָס באמת צו נוצן ווי אַ מיטל פאַר אויפקלערונג פון די מאַסן אין גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם, מוז די פראַגע געבראַכט ווערן אויף אַן אופן, וואָס זאָל עפענען די אויגן פון די מאַסן אויף דעם שווינדל אין דער פראַגע פון אַנעקסיעס, אַנשטאָט דאָס צו פאַרדעקן. ס׳איז נישט גענוג פאַר די סאָציאַליסטן פון יעדן לאַנד צו האַלטן פּוסטע דרשות וועגן גלייכבאַרעכטיקונג, אָדער אַרויסצוטרעטן מיט שיינע רעדעס, זיך שווערן און זיך פאַררופן אויף גאָט, ווי אַ באַוויז, אַז זיי זיינען קעגן אַנעקסיע. די סאָציאַליסטן פון יעדן לאַנד מוזן פאָדערן פאַר קאָלאָניעס און אַנדערע אונטערדריקטע לענדער אַ באַלדיקע פרייהייט זיך אָפּצושפּאַלטן פון זייער ,פאָטערלאַנד׳ אָן וואָסער עס איז באַדינגונגען״ (ענגלישע איבערזעצונג פון דער פערטער רוסישער אויפלאַגע, באַנד 22, זייט 175).

אַט־די אומשטערבלעכע ווערטער פון לענינען זיינען פּונקט אַזוי אַקטועל היינט־צו־טאָג ווי זיי זיינען געווען מיט וואָסערע 55 יאָר צוריק. לאָמיר זיך גוט אַריינטראַכטן אין זיי. לענין וואָרנט: „כדי ניט צו דערלאָזן, אַז דער קאַמף קעגן אַנעקסיעס זאָל טראָגן אַ כאַראַקטער פון היפּאָקריטסטווע... [מוז מען] עפענען די אויגן פון די מאַסן אויף דער פראַגע פון אַנעקסיעס... ס׳איז נישט גענוג צו האַלטן פּוסטע דרשות וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון פעלקער און אַרויסטרעטן מיט שיינע רעדעס... קעגן אַנעקסיעס א. א. וו.״ אין דער דאָזיקער דערקלערונג באַקומען מיר אַ פולשטענדיקע אויפקלערונג ווי דעמאַגאָגיש און פאַלש ס׳איז סנהס היפּאָקריטישע פראַזעאָלאָגיע וועגן „דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג פון פאַלעסטינישן פאָלק״, דורך וועלכער ער זוכט צו באַהאַלטן זיין שאָוויניסטישע שטיצע פון די אימפּעריאַליסטישע הערשער פון ישראל. רעדנדיק וועגן „גרענעצן פון קעגנזייטיקער הסכמה״ שטיצט סנה דאָס אָנהאַלטן פון אָקופּירטע טעריטאָריעס.

לענין האָט, אין אַ קרישטאָל־קלאָרער שפּראַך, נאָך שאַרפער פאָרמולירט זיינע פּרינציפּן וועגן אַנעקסיעס, אין אַ רעדע ביי אַ היסטאָרישער קאָנפערענץ פון באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס, סוף אַפּריל, 1917, ביי וועלכער ס׳איז געלייגט געוואָרן די ריכט־שנור פאַרן דערפאָלגרייכן גאַנג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. יענע קאָנפערענץ האָט גוטגעהייסן לענינס באַוואוסטע „אַפּריל־טעזיסן״, אין וועלכע ער האָט אָנגעמערקט פאַר דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי און פאַר די רוסישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אַ קלאָרע ליניע פאַרן איבערגאַנג פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע קעגן צאַריזם (פעברואַר, 1917) צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. די קאָנפערענץ האָט גוטגעהייסן לענינס טעזעס, אַריינגענומענדיק זיין טעזע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואו ער האָט פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פאַר זעלבסט־באַשטימונג פאַר אַלע פעלקער, ווי אויך זיין פולע שטיצע צו נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־קאַמפן פון אונטערדריקטע פעלקער קעגן אימפּעריאַליזם. (די קאָנפערענץ איז אָפּגע־

האַלטן געוואָרן פון 24־סטן ביז 29־סטן אַפּריל, לויטן אַלטן צאַרישן קאַלענדאַר, מאַי 7־12, לויטן גרעגאָריאַנישן קאַלענדאַר). אין דער רעדע האָט לענין אָנגעוויזן:

„זיך אָפּזאָגן פון אַנעקסיעס מיינט לאָזן יעדן פאָלק פריי באַשליסן צי ער וויל לעבן באַזונדער, אָדער צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פאַר דעם צוועק מוזן אַלע אַרמייען צוריק־געצויגן ווערן. אַרויסווייזן די מינדסטע וואַקלעניש אין דער פראַגע פון אַנעקסיעס מיינט דערמוטיקן ענדלאָזע מלחמות" (אונטערגעשטראָכן — פון פ. ה.).

גאָר אינטערעסאַנט איז לענינס באַמערקונג אין יענער רעדע: „ווען אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד זאָגט איצט: ,מיר זיינען פאַר שלום, אָן אַנעקסיעס', גלויבט איר קיינער נישט; נוצנדיק דעם אינסטינקט פון אונטערדריקטע קלאַסן וואָס זאָגט זיי, אַז עס האָט זיך גאָרנישט געביטן" (קליינע לענין־ביב־ליאָטעק, אינטערנעשאַנאַל פּאַבלישערס, זייטן 35 און 40).

מען מעג פרעגן: פאַרוואָס האָט דער פירער פון מק"י פאַרשוויגן אין זיין פאָרטראַג די דאָזיקע צוויי ציטאַטן?

די סאָציאַל־שאָוויניסטישע ראָל פון מק"י

און אַז מיר האַלטן שוין דערביי איז כדאי צו ברענגען נאָך צוויי אויס־צוגן פון לענינס שריפטן, וואָס ווייזן, אַז די סאָציאַל־שאָוויניסטן פון דער איצטיקער געשיכטלעכער תקופה, אין ישראל און אין אַנדערע לענדער, ווענדן־אָן די זעלביקע טאַקטיק, וואָס זייערע פאָרגענגער האָבן געניצט מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, כדי צו פאַרפירן די מאַסן. די ערשטע ציטאַטע קומט פון אַן אַרטיקל, וואָס לענין האָט געשריבן, סוף 1915, אונ־טערן קאָפּ: „דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט און דאָס רעכט פון פעלקער אויף זעלבסט־באַשטימונג". מיר לייענען דאָרט:

„...וואָס איז די פּראָגראַם פון די סאָציאַל־פּאַטריאָטן אין באַצוג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע? אָדער זיי נעגירן אינגאַנצן דאָס רעכט פון זעלבסט־דעטערמינירונג... אָדער זיי אָנערקענען דאָס אויף אַן אויגנשיינלעך היפּאָקריטישן אופן. דאָס הייסט, זיי ווענדן דאָס נישט אָן אין שייכות צו די פעלקער, וואָס ווערן אונטערדריקט אין זייער אייגן לאַנד. קאַוטסקי אָבער גיט אַ פאָרמולירונג צו אַ סאָציאַל־פּאַ־טריאָטישן ליגן, וואָס איז צום מערסטן גלויבנסווערטיק און דעריבער אַממערסטן געפערלעך פאַרן פּראָלעטאַריאַט. אין זיינע רעדעס קומט ער אַרויס פאַר זעלבסט־באַשטימונג, אין דער ווירקלעכקייט אָבער פּאַסט ער צו זיין נאַציאָנאַלע פּראָגראַם צום, אַצינד פאַרשפּרייטן, סאָ־ציאַל־פּאַטריאָטיזם; ער פאַרקריפּלט און צעקאַליעטשעט די סאָציאַ־ליסטישע פּראָגראַם... קאַוטסקי דרייט זיך אַרויס פון דער וויכטיקסטער פראַגע, וואָס די אימפּעריאַליסטישע בורזשואַזיע דערלויבט אפילו נישט צו דערמאָנען, די פראַגע פון די גרענעצן פון אַ מלוכה, וואָס ווערן איינגעהאַלטן דורך דער אונטערדריקונג פון אַנדערע פעלקער... כדי אויסצונעמען ביי דער בורזשואַזיע וואַרפט קאַוטסקי אַרויס פון דער

נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי דעם וויכטיקסטן פּונקט. די בורזשואַזיע איז געוויס גרייט צוצוזאָגן „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע' אין יעדער פאָרם, אויב דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך האַלטן אין די ראַמען פון לעגאַליטעט און וועט איר נאָכגעבן אין דער פראַגע פון מלוכה־גרענעצן. קאַוטסקי פאָרמולירט די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נישט ווי אַ רעוואָלוציאָנער, נאָר ווי אַ רעפאָרמיסט" (לענינס שריפטן, אינטערנעשאָנאַל פּאָבלישערס, באַנד 18, זייט 371).

ס'איז קלאָר, אַז די פירער פון מק"י גייען אויף קאַוטסקיס וועגן. אין זייערע רייד קומען זיי כלומרשט אַרויס פאַר דער „זעלבסט־באַשטימונג פון פּאַלעסטינישן פאָלק". אין דעם וויכטיקסטן פּונקט, אין דער פראַגע פון גרענעצן (ווי לענין האָט אָנגעוויזן), פאָדערן זיי אָבער אָן איינשליסונג פון באַזיגטע געביטן אין די גרענעצן פון ישראל, קעגן דעם ווילן פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס איז, לויט לענינען, די גרעסטע פאַרלעצונג פון פרינציפּ פון זעלבסט־באַשטימונג.

נאָך אַ ציטאַטע פון לענינען, צו וועלכער מיר גייען איצט אַריבער, קומט פון דער בראָשור „סאָציאַליזם און מלחמה", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין זומער 1915. ער ווייזט דאָרט אָן אויף דעם אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דעם אָפּאָרטוניזם פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און דעם פאַרראַט פון די סאָציאַל־שאָוויניסטן. אין דעם קאַפּיטל „וואָס איז סאָציאַל־שאָוויניזם?" שרייבט לענין:

> „סאָציאַל־שאָוויניזם האַלט זיך ביים באַגריף פון ,פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד' אין דער איצטיקער מלחמה. פון דעם באַגריף פאָלגט־אַרויס דאָס צוריקוויזן פון קלאַסן־קאַמף אין צייט פון דער מלחמה, שטימענדיק פאַר מלחמה־בודזשעטן א. א. וו. פאַקטיש פירן די סאָציאַל־שאָוויניסטן אַן אַנטי־פּראָלעטאַרישע, בורזשואַזע פּאָליטיק... די סאָציאַל־שאָוויניסטן גייען־נאָך דער בורזשואַזיע און נאַרן דאָס פאָלק דורך דעם וואָס זיי זאָגן, אַז די מלחמה ווערט געפירט פאַר דער פאַרטיידיקונג און דער עקזיסטענץ פון זייער לאַנד. זיי שטעלן זיך, אַזוי אַרום, אויף דער זייט פון דער בורזשואַזיע, קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט. נאַציאָנאַל־שאָוויניזם מיינט, אין דערווירקלעכקייט, באַשיצן די פּריווילעגיעס, פּרעראָגאַטיוון, רויבערייען און די גוואַלטזאַמקייט פון ,זייער אייגענער' [אָדער וואָסער עס איז אַנדערער] אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע, אין פולשטענדיקן פאַרראַט פון אַלע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען..." (לענינס שריפטן, אינטערנעשאָנאַל פּאַרלאַג, באַנד 18, זייט 226).

מק"י נוצט די זעלביקע דעמאַגאָגישע לאָזונגען, כדי צו פאַרראַטן די ברייטע פאָלקס־מאַסן פון ישראל און פאַרענטפערן דעם אימפּעריאַליסטישן רויב פון „איר" בורזשואַזיע. סנה דריקט זיך אויס אין זיין רעפעראַט פאַר דער פירנדיקער קערפּערשאַפט פון זיין פּאַרטיי: „דאָס וואָס פאַראייניקט אינדזער קאָמוניסטישע פּאַרטיי [מק"י] מיטן גאַנצן פאָלק — דאָס איז אונדזער אויעקשטעלן זיך אויפן פראָנט פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג — מיליטע־

רישער, פּאָליטישער, און אידעאָלאָגיש־מאָראַלישער פאַרטיידיקונג — פון דער זיכערקייט פון ישראל און די רעכט פון ישראל...“

סנה און זיינע נאָכפאָלגער, וואָס פּוצן זיך נאָך אַלץ אין קאָמוניסטישע פעדערן, האָבן אויפגעגעבן זייערע קלאַסן־פּאָזיציעס. סנה רעדט וועגן דעם „פאָלק־ישראל“, אויסלאָזנדיק די קלאַסן־דיפערענצירונגען און קלאַסן־ליניעס אין דער קאַפּיטאַליסטישער ישראל. דערקלערנדיק, אַז מק״י האָט אויסגעקליבן „אָוועקצושטעלן זיך אויפן פראָנט פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג“ האָט ער איינגעזען צו פאַרטיידיקן דעם אימפּעריאַליסטישן רויב מצד דער ישראלדיקער בורזשואַזיע פון שטחים, וואָס זיי באַהערשן. מק״י האָט פאַרראַטן דעם אַרבעטער־קלאַס פון ישראל, שטיצנדיק אַ פּאָליטיק, וואָס איז קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטער און ברייטע פאָלקס־שיכטן פון דער יידישער מדינה. די קאַמפּאַן, וואָס לעניו האָט געפירט קעגן די פאַררעטערישע האַנדלונגען פון קאַוטסקין, פּלעכאַנאָוון און אַנדערע סאָציאַל־שאָוויניסטישע „אַרבעטער־פירער“ מיט וואָסערע זעקס צענדליק יאָר צוריק, ווייזן אונדז אַ וועג פאַר די קאַמפּאַן וואָס מוזן געפירט ווערן אין דעם איצטיקן מאָמענט קעגן דער רעוויזיאָניסטישער מק״י־גרופּע אין ישראל און אומעטום, וואו אַזעלכע פאַררעטערישע גרופּן טוען זייער שעדלעכע אַרבעט.

סנה שטעלט זיך אַרויס אַלס אַ פּאַטריאָט פון ישראל. דער אמת אָבער איז, אַז מק״י ברענגט אין געפאַר די עצם עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה דורך איר אַגרעסיווער, עקספּאַנסיאָניסטישער פּאָליטיק, וואָס קאָן פירן, ווי לעניו האָט געוואָרנט, צו „ענדלאָזע מלחמות“. לעניו האָט טרעפלעך אָנגעוויזן, אַז שאָוויניסטישער „סופּער־פּאַטריאָטיזם“ איז אַ דירעקטער ווידערשפּרוך פון דעם אמתן פּאַטריאָטיזם פון אויסגעהאַלטענע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען אויפריכטיק אין זייער טריישאַפט צום פאָטערלאַנד. אין אַן אַרטיקל אונטערן קאָפּ: „וועגן דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון גרויס־רוסן“, פּובליקירט דעצעמבער 12, 1914, שרייבט לעניו:

„זיינען מיר, אויפגעקלערטע גרויס־רוסישע פּראָלעטאַריער, נישט סענסיטיוו צו די געפילן פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ? געוויס נישט! מיר האָבן ליב אונדזער שפּראַך און אונדזער פאָטערלאַנד. מער ווי וואָסער עס איז אַנדער גרופּע באַמיען מיר זיך צו דערהייבן די האָרעוואַשנע מאַסן צו דער מדרגה פון אינטעליגענטע דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן... מיר זיינען שטאָלץ מיט דעם... וואָס דער גרויס־רוסישער אַרבעטער קלאַס האָט, אין 1906, געשאַפן אַ מעכטיקע, רעוואָלוציאָנערע מאַסן־פּאַרטיי; וואָס דער גרויס־רוסישער פּויער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן ווערן דעמאָקראַטיש, אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן די גייסטלעכע און לאַנד־אייגנטימער... מיר זיינען אָנגעפילט מיט נאַציאָנאַלן שטאָלץ, ווייסנדיק, אַז דאָס גרויס־רוסישע פאָלק האָט אויך געשאַפן אַ רעוואָלוציאָנערן קלאַס; איז אויך געווען פעיאיק צו געבן דער מענטשהייט גרויסע ביישפּילן פון קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם; אַז [דאָס גרויס־רוסישע פאָלק] האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט מאַכן פּאָגראָמען... וואָס איז שייך אונדזערע היימיש־געבאַקענע סאָציאַל־שאָוויניסטן, ווי פּלעכאַנאָוו און נאָך, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז זיי זיינען

די פאַררעטער... נישט בלויז פון זייער אייגענעם פאָטערלאַנד, פון אַ פריי̄ער, דעמאָקראַטישער גרויס־רוסלאַנד, נאָר אויך פון דער פּראָ־לעטאַרישער ברודערשאַפט פון אַלע פעלקער פון רוסלאַנד, פון ד׳ער זאַך פון סאָציאַליזם״.

אַרויסגייענדיק פון לעניִנס שטאַנדפונקט ווערט קלאָר, אַז די איינציקע אָרגאַניזירטער־פּאַרטיי פון ישראל, וואָס טראָגט באמת דעם באַנער פון סאָציאַלן פּאַטריאָטיזם, איז רק״ח. זי שטייט אין די פאָדערשטע רייען פונעם קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אַן אַנטי־אימפּעריאַליסטישער, דעמאָקראַטי־שער, יידישער מדינה, וואָס וועט קענען לעבן אין שלום מיט אירע שכנים, וועט אָנערקענען די נאַציאָנאַלע און מענטשן־רעכט פון אַראַבישן פאָלקס־טיניִשן פאָלק און אויפגעבן אָנעקסיעס און דיסקרימינאַציעס קעגן מינדער־הייט־גרופּן. די שאָוויניסטישע פירער פון מק״י מוזן פאַררעכנט ווערן, ווי לענין האָט אָנגעוויזן, אַלס — „פאַררעטער פון זייער פאָטערלאַנד... פון דעו פּראָלעטאַרישער ברודערשאַפט פון פעלקער... פון דער זאַך פון סאָ־ציאַליזם״.

מיקוניסעס שנאה צום סאָוועטן־פאַרבאַנד

האָבנדיק אין זינען י. גערשמאַנס מיינונג, אַז נישט אַלע פירער פון מק״י זיינען אַנטי־סאָוועטיש, איז נויטיק זיך צו באַקענען מיט די אַטאַקעס קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס זיינען ביי פיל געלעגנהייטן געמאַכט געוואָרן פון איר גענעראַל־סעקרעטאַר, ש. מיקוניס.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף איינער פון די דאָזיקע אַטאַקעס, וואָס האָט גע־טראָגן אַ העסלעכן כאַראַקטער. דעם 11־טן מערץ, 1970, איז אין „פריי ישראל״ דערשינען מיקוניסעס אַן אַרטיקל, אונטער אַ קאָפּ: „די אַנטי־ישראלדיקע קאַמפּאַניע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד״, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַ כמעט אומגלויבלעך העצערישן טאָן. ער קומט דאָרט אַרויס מיט אַזאַ זאָג:

„לויט אינסטרוקציעס פון אויבן [דער סאָוועטן־רעגירונג — פּ. ה.] פאַרזאַמלען זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מיליאָנען מענטשן, אין די פאַבריקן, אין די קאָלכאָזן, אין מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, אין קולטור־און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, בכדי אַרויסצוּוואַרפן באַשמוצונגען קעגן ישראל און קעגן דעם אַזוי־גערופענעם אינטערנאַציאָנאַלן, אימ־פּעריאַליסטישן ציוניזם... זינט דער 6־טאָגיקער מלחמה, און באַזונ־דערס אין דער לעצטער צייט, שטאָפּט מען די דאָזיקע ליגנס אויף די צייטונגס־שפּאַלטן, אויף די כוואַליעס פון דער ראַדיאָ און טעלעוויזיע, פאַר די סאָוועטישע פאָלקס־מאַסן...״

מיקוניס ווייסט זייער גוט, אַז זיין היסטערישער קוויטש שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען קיין מאָל נישט פאָר־געקומען קיין מיליאָניקע אַנטי־ישראל פאַרזאַמלונגען. די סאָוועטישע פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע האָט נישט געפירט קיין העץ־קאַמפּאַניעס קעגן יידן אָדער קעגן דעם ישראל־פאָלק. ס׳איז יאָ געפירט געוואָרן אַן אויפקלערונג, מיט דער באַטייליקונג פון פיל יידיש־סאָוועטישע בירגער, וועגן דער שעד־

לעכקייט פון דער שאָוויניסטיש־ציוניסטישער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע; וועגן דעם אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פון ציוניזם און וועגן דער אַגרע־סיווער פּאָליטיק פון די הערשער פון ישראל, געשטיצט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. דערביי ווערט כסדר אונטערגעשטראָכן, אַז מען טאָר נישט אידענטיפיצירן דעם ציוניזם מיטן פאָלק פון ישראל און אַז די אימפּעריאַ־ליסטישע פּאָליטיק פון ציוניזם איז קעגן די בעסטע אינטערעסן פון די ישראל־דיקע פאָלקס־מאַסן.

ס'זעט זיך אָן אין דעם אַרטיקל, אַז מיקוניסעס צוגאַנג צו דער פראַגע פון די סאָוועטישע יידן איז אין הסכם, אין אַלגעמיין גענומען, מיט דער ציו־ניסטישער אידעאָלאָגיע. אַלנפאַלס קען מען דאָ קיין גרויסן אונטערשייד נית געפינען. דאָס ווייזט זיך איבערהויפּט אָן אין זיין דערקלערונג:

„...די איצטיקע, אַנטי־ישראלדיקע אַקציע איז געצילט אָפּצו־שרעקן די טיילן פון סאָוועטישן יידנטום, וואָס פילן ליבשאַפט און סימפּאַטיע צו ישראל, וואָס זיינען באַאומרואיקט וועגן אונדזער גורל און אידענטיפיצירן זיך מיט אונדז אין אונדזער קאַמף פאַר פאַרטיידיקן די עקזיסטענץ־רעכט פון ישראל. בלויז פעלשער פון לעניניזם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע קענען האַלטן פסול דעם זיווג פון סאָוועטישן פּאַ־טריאָטיזם מיט אַ נאַטירלעכער פאַרבינדונג און אינטערעס צו דער יידישער מדינה און דעם יידישן כלל; און אפילו מיטן פאַרלאַנג פון אַ טייל פון די דאָזיקע יידן אָנצושליסן זיך אין דעם ישראל־פאָלק".

אין אַ צווייטער דערקלערונג פירט מיקוניס נאָך שאַרפער אַרויס זיינע ציוניסטישע באַגריפן און די פּראָ־ציוניסטישע טעזיסן פון מק"י. ער שרייבט:

„געטריי דעם באַשלוס פון אונדזער 16־טן צוזאַמענפאָר ברענגען מיר אַרויס נאָך אַמאָל אונדזער מיינונג, אַז... די סאָוועטישע אָנפי־רונג וואָלט געדאַרפט... גאַראַנטירן די רעכטן פון די סאָוועטישע יידן, וועלכע ווילן דאָס, צו עמיגרירן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און אָנ־שליסן זיך אין ישראל־פאָלק, אין זייער היסטאָרישער היימלאַנד" (אונ־טערגעשטראָכן — פּ. ה.).

די פּראָקלאַמירונג פון מיקוניס און פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון מק"י, אַז ישראל איז דאָס „היסטאָרישע היימלאַנד" פון די סאָוועטישע יידן (און פון די יידן אויף גאָר דער וועלט) און אַז „דאָס סאָוועטישע יידנטום אי־דענטעפיצירט זיך" און האָט אַ „נאַטירלעכע פאַרבינדונג" מיט ישראל זיינען אין פולן איינקלאַנג מיטן עקסטרא־טעריטאָריעלן פּאָסטולאַט פון ציוניזם, אין וועלכן עס ווערט אָנגענומען, אַז יידן איבער גאָר דער וועלט זיינען איין פאָלק, מיט ארץ־ישראל אַלס זייער היסטאָרישע היימלאַנד און אַז ישראל איז אַ יידישער שטאַט, געשאַפן דורך יידן פאַר דער איינוואַנדערונג פון אַלע יידן פון דער וועלט און איז דאָס היימלאַנד פון אַלע יידן.

מיקוניס שטעלט זיך פאַר גאָרנישט אָפּ. ער צעשמירט מיט דער פולער האַנט די קאַלטע מלחמה פאַרלוימדונגען פון „סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם". מיר לייענען אין זיין אַרטיקל:

„[עס] שמעקט אויך די איצטיקע אַנטי־ישראלדיקע ענערגישע און מאַסן־קאַמפּאַניע מיט דער סכנה פון נוקם זיין זיך אין די סאָוועטישע

ייִדן, זי קען אַרויסרופן און דערמוטיקן אַנטיסעמיטיזם אין דער סאָוועט־טישער פיל־נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט. עס איז ביז איצט נאָך נישט געפונען געוואָרן קיין בעסערער שעיר לעזאָזל [אומשולדיקער קרבן — פ. ה.] ווי די ייִדן".

אין דעם זעלביקן נומער „פריי ישראל", וואו ס'איז פובליקירט געוואָרן מיקוניסעס אַרטיקל געפינט מען אויך אַ דערקלערונג פון דער ביוראָ, פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מק"י, וואָס איז אַנגעפילט מיט פּאַרלוימדונגען קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין דער דאָזיקער דערקלערונג ווערן די הערשער פון ישראל אידענטיפיצירט מיטן ישראל־פאָלק און די סאָוועטישע אויפקלערונגען וועגן דעם אימפּעריאַליסטישן פּנים פון ציוניזם ווערן באַצייכנט ווי אַ „העצע געצילט קעגן דעם פאָלק פון ישראל". דאָרט ווערט געזאָגט:

„דאָס ווענדן די דאָזיקע גרויליקע באַשולדיקונג אויפן אַדרעס פון ציוניזם... אָדער פון די ‚תל־אביבער רעגירער' וועט נישט פאַרדעקן דעם אמת, אַז די דאָזיקע העצע איז געצילט קעגן דעם גאַנצן ישראל־פאָלק, קעגן גאַנצן ייִדישן פאָלק".

אויב די פירער פון מק"י וואָלטן זיך געוואָלט האַלטן ביים אמת וואָלטן זיי געדאַרפט פאַרדאַמען די אָרגאַניזירטע העץ־קאַמפּאַניע מצד דער ישראל־רעגירונג, און די ציוניסטן, קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. צום באַדויערן האָבן די מק"י־פירער אַליין זיך אַנגעשלאָסן אין דער דאָזיקער קאַמפּאַניע. זיי האָבן אויסגעביטן זייערע קלאַסן־ליניעס און קלאַסן־פּאָזיציעס אויף קלאַסן־קאָלאַבאָראַציע און ברוזשואַזע לאָזונגען וועגן „כלל ישראל" און „ייִדישע אינטערעסן". זיי האָבן אַנגענומען דעם ציוניסטישן פּאָסטולאַט, אַז אַלע ייִדן ווילן זיין טריי זייער „עקסטראַ־טעריטאָריעלן פאָטערלאַנד" — ישראל, וואָס מיינט ביי זיי שטיצן די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון דער ישראלדיקער בור־זשואַזיע. זיי האָבן פאַקטיש זיך אַנגעשלאָסן אין די רייען פון אינטערנאַ־ציאָנאַלן ציוניזם, מיט וועמענס הילף די ישראל־מאַכט פירט־דורך איר עקס־פּאַנסיאָניסטישע פּאָליטיק.

אַנטי־סאָוועטיזם פון מק"י רופט־אַרויס אומצופרידנקייט אין ישראל

די אַנטי־סאָוועטישע, קאַלטע מלחמה פּראָפּאַגאַנדע פון מק"י שטעלט זי איצט אין פאַרלעגנהייט אפילו פאַר דער בירגערלעכער פּרעסע פון ישראל. דאָס האָט זיך אַנגעזען אין איר העצערישער קאַמפּאַניע קעגן דער דעלעגאַציע פון זעקס ישראל־פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן, פאַ־ריקן זומער, אויף אַ באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די העסלעכע אַטאַקעס קעגן דער דאָזיקער שלום־מיסיע האָבן אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנקייט אין אַ צאָל ישראלדיקע צייטונגען און אין דער עפנטלעכקייט. ס'איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז די וואָרטזאָגער פון מק"י האָבן געמוזט, גאָר שנעל, מאַכן אַ צוריקטריט און זיך פאַרענטפערן, אין אַ ספּעציעלער דערקלערונג, אין „פריי ישראל". די זעקס איינגעלאַדענע פּערזענלעכקייטן זיינען געווען: נתן יעלין, אַ געוועזענער מיטגליד פון כנסת; דער באַוואוסטער זשורנאַליסט, דזשעימס ראָזענטאַל; פּראָפעסאָר דן מיראָן; דער פירער פון דער לינקער

מאַפּאַם־גרופּע, יעקב ריפּטין; דער יוניאָן פּירער, משה אײדעלבערג און אַ פּירערין פֿון רק״ח, רות לוביטש.

ס׳איז כּדאַי גענויער אַרײַנצוגײן אין דעם דאָזיקן ענין, נאָר לאָמיר אָנהויבן פֿון אָנהויב. דעם 25טן אויגוסט, 1971, האָט „פֿרײַ ישׂראל״ רעאַגירט אויף דער אײַנלאַדונג מיט אַ דערקלערונג, וואו עס האָט זיך, צווישן אַנדערן, געזאָגט:

„די גאַנצע דעלעגאַציע איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון פּערזענלעכקײטן, וועלכע זײַנען גרייט אָנצונעמען דעם סאָוועטיש־אַראַבישן דיקטאַט וועגן טאָטאַלן צוריקצוג צו די גרענעצן פֿון 4־טן יוני, 1967, אפילו אָן פֿאַרהאַנדלונגען און אָן אַ שלום־הסכם. די שטעלונגען פֿון די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן זײַנען געקומען צום אויסדרוק שריפֿטלעך און מינדלעך. פּאַקטיש איז דאָס אַ דעלעגאַציע אונטערן פּראָטעקטאָראַט פֿון רק״ח. דאָס ווערט קלאָר פֿון דער דערקלערונג פֿון די וואָרטזאָגער פֿון רק״ח.

„עס איז אָנצונעמען, אַז די אײַנלאַדער האָבן אַן אויסרעכענונג און אַ ציל. צווישן דעם איז פֿאַראַן דאָס באַקומען אַ מין באַשטעטיקונג פֿון ישׂראלדיקע קרײַזן, וועלכע מען קאָן פֿאָרשטעלן, אין ווידערשפּרוך צום אמת, אַלס אַזעלכע, וועלכע רעפּרעזענטירן די ישׂראלדיקע געזעלשאַפֿטלעכקייט, וואָס פֿאָדערט באַדינגסלאָזע צוריקציִאונג צו די גרענעצן פֿון 4־טן יוני [1967]. דאָס איז וויכטיק פֿאַר מאָסקווע דווקא ערב דער נאָענטער יו־ען סעסיע, וואָס וועט וואַרשײַנלעך פֿאָרקומען אונטערן צײכן פֿון אַן אַלגעמײנער קאַמפּאַניע־אַקציע קעגן ישׂראל״.

דער אַנטאַגאָניזם פֿון מק״י צו דער דעלעגאַציע און צו דער פּרײַנטשאַפֿט־מיסיע בכלל, דאָס באַצײכענען די זעקס פּערזענלעכקייטן ווי אַ גרופּע, וואָס געפֿינט זיך אונטערן „פּראָטעקטאָראַט פֿון רק״ח״, די קאַלטע מלחמה־שטעלונג פֿון מק״י צום סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — דאָס אַלץ, איז באַגעגנט געוואָרן אין דער ישׂראל־פּרעסע מיט אַ שאַרפֿער קריטיק. די מק״י־פּירערשאַפֿט האָט דערפֿילט, אַז זי איז פֿאַרקראָכן אין אַ טעמפּן ווינקל. מיקוניס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין „פֿרײַ ישׂראל״ אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט געזאָגט:

„ס׳איז נישט ריכטיק צו טענהן, אַז אַלע פּערזאָנען פֿון דער דעלעגאַציע זײַנען גרייט אָנצונעמען דעם סאָוועטיש־אַראַבישן דיקטאַט וועגן אַ טאָטאַלן צוריקצוג צו די גרענעצן פֿון 4־טן יוני 1967, אפילו אָן פֿאַרהאַנדלונגען און אָן אַ שלום־אויסגלײַך. דער סוף פֿון דער סענטענץ איז נישט ריכטיק, נישט בלויז לגבי דער דעלעגאַציע, נאָר אויך לגבי דער סאָוועטישער שטעלונג און דער שטעלונג פֿון מצרים און ירדן. ס׳איז נישט קיין כּבֿוד פֿאַר די, וועלכע נעמען זיך די אויפֿגאַבע פֿעסטצושטעלן, אַז ,פּאַקטיש איז דאָס אַ דעלעגאַציע אונטערן פּראָטעקטאָראַט פֿון רק״ח און לויט דער פּראָגראַם פֿון רק״ח׳ ״.

מען מוז באמת באַוואונדערן מיקוניסעס „קורצן זכּרון״. צוריקוויזנדיק די דאָזיקע בלבולים פֿאַרשווײַגט ער אָבער פֿון וואַנען זיי קומען. ער האָט געמיטלעך „פֿאַרגעסן״ צו דערמאָנען, אַז דאָס זײַנען דאָך די רייד פֿון דער פּירערשאַפֿט פֿון זײַן אײגענער פּאַרטיי.

פונעם אַרטיקל איז גרינג אויסצוגעפינען פאַרוואָס מיקוניס האָט אַזוי גיך געביטן זיין שטעלונג. ער באַקלאָגט זיך: „וואָס איז יאָ געשען איז דאָס, אַז די אַלגעמיינע פּרעסע האָט פאַרגעשטעלט מק״י אַלס די פּאַרטיי וואָס האָט פאַראורטיילט די דעלעגאַציע״.

די באַהויפּטונג, אַז די דעלעגאַציע האָט געמומען אַן איינזייטיקע שטעלונג איז אַגב געווען אַ פולשטענדיקע פעלשונג פון די פאַקטן. די דעלעגאַטן האָבן זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון קריטיק, אויב זיי האָבן דאָס געוואָלט טאָן. דער „נ. י. טאַימס״־קאָרעספּאָנדענט, הענדריק סמיט, האָט באַריכטעט פון מאָסקווע (סעפּט. 7) וועגן אַן אינטערוויו, וואָס ער האָט געהאַט מיטן וואָרטזאָגער פון דער דעלעגאַציע, דן מיראָן, וואו דער ישראלי פּראָפעסאָר האָט געזאָגט:

„מיר האָבן געפירט געשפּרעכן מיט [יידן] וואָס פאַרנעמען וויכ־טיקע פּאָזיציעס און מיט צענדליקער מענטשן אין די גאַסן. זיי זיינען געווען פריי און וויליק צו רעדן — ניט נאָר עלטערע פּערזאָנען, מיט וועמען מיר האָבן געשמועסט אין יידיש, נאָר אויך יונגע מענטשן. איי־ניקע פון זיי האָבן גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז זיי ווילן עמיגרירן קיין ישראל״.

פּראָפעסאָר מיראָן האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז עס עקזיסטירן צוויי פּראָבלעמען פאַר די סאָוועטישע יידן. ער האָט געזאָגט, אַז איין פּראָב־לעם איז וואָס געוויסע יידן ווילן זיך באַזעצן אין ישראל, אַנדערע ווידער ווילן נישט פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף תמיד, נאָר זיי וואָלטן גע־וואָלט פאָרן אויף אַ באַזוך קיין ישראל, כדי זיך צו זען מיט זייערע קרובים.

ער האָט אָבער גלייכצייטיק באַטאָנט: „מיין אַלגעמיינער געפיל איז, אַז די יידישע פּראָבלעם, די פּראָבלעם פון עמיגראַציע, ווערט איבערגעטריבן. פאַר געוויסע יידן איז דאָס אַ ברענענדיקע פּראָבלעם. מיר גלויבן, אַז אַלע יידן, וואָס ווילן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, דאַרפן באַקומען אַ מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. אָבער די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען אינטעגרירט און וועלן דאָ פאַרבלייבן״.

קלינגען די דאָזיקע ווערטער ווי אַן אויסדרוק פון „פולשטענדיקן לויב פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד״?

קאָמענטירנדיק אויף דער שטעלונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג צום מיטל־מזרח קאָנפליקט האָט פּראָפעסאָר מיראָן באַטאָנט: „פאַר די רוסן איז בלויז איין זאַך נישט אָננעמבאַר. דאָס איז, אַז ישראל זאָל פאַרבלייבן ביי די פאַרנומענע טעריטאָריעס. אַלע אַנדערע פראַגן קענען געשליכטעט ווערן דורך פאַרהאַנדלונגען״.

ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז איינער פון די זעקס מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע, יעקב ראָזענטאַל, איז אַ שומר שבת און היט אָפּ כשרות. זייענדיק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ער נישט געפלויגן אום שבת און איז אַריבער־געפירט געוואָרן ערב שבת אין אַ האָטעל, וואָס געפינט זיך נאָענט צו דער גרויסער מאָסקווער שול, כדי ער זאָל קענען גיין צופוס צום שבתדיקן דאַווענען.

שטעלונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט״

עס איז אַגב נויטיק צו באַמערקן, אַז די „מאָרגן־פרייהייט״ האָט, אין דעם ענין, געמומען אַ שטעלונג, אין וועלכער זי איז נאָכגעגאַנגען מק״י.

אין אַן עדיטאָריעל (אויגוסט 27) דערנענטערט זיך די „מ־פ“ צו דער פּאָזיציע פון „פריי ישראל“, אַנשטאָט זיך אָפּצוזונדערן פון דעם שאָוויניסטישן צוגאַנג פון דער דאָזיקער צייטונג. אין דעם לייט־אַרטיקל ווערט געשריבן:

„די איינלאַדונג איז געקומען ניט צום ישראלדיקן שלום־קאָמיטעט, מיטן רעכט פון קאָמיטעט גופא צו באַשטימען די דעלעגאַטן. אַזוי ווי דאָרט זיינען די פאָרשטייער פון מאַפּאַם און מק“י אין דער מערהייט, בעת די פאָרשטייער פון מאיר ווילנערס קאָמוניסטישע פּאַרטיי רק“ח זיינען אין דער מינדערהייט איז דער ישראלדיקער שלום־קאָמיטעט אַרומגעגאַנגען געוואָרן און די איינלאַדונג איז געקומען צו זעקס יחידים, לויט אַ באַשטימטן אויסוואַל, כּדי רק“ח זאָל זיך קענען אָנזען. דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז די זעקס וועלן נישט נאָר ניט פאַרטרעטן די ברייטע מאַסן פון ישראל, נאָר אויך ניט די שלום־באַוועגונג“.

ווייטער ווערט אין דעם עדיטאָריעל געזאָגט: „ניט געקוקט אויף דעם ערנסטן חסרון איז דאָס פאָרן פון די זעקס יחידים קיין מאָסקווע אַ פּאָזיטיווער אויסדרוק... יעדע דערנענטערונג צווישן די צוויי לענדער, אפילו ווען עס קומט אויף אַ ניט־געהעריקן אופן, איז אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג“ (אונטערגעשטראָכן פון — פּ. ה.).

מיר געפינען אין דעם לייט־אַרטיקל איבערדאָס, וואָס די „מ־פ“ האָט „אויסגעבאָרגט“ דירעקט פון מק“י און וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזעלכע שאַרפע פּראָטעסטן אין ישראל. מיט דער באַהויפּטונג, אַז „די זעקס וועלן ניט פאַרטרעטן די ברייטע מאַסן אין ישראל“ גייט די „מ־פ“ בלינד נאָך דער מק“י־ליניע און העלפט פאַרשפּרייטן איר אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע. אפילו „באַגריסנדיק“ די רייזע פון דער דעלעגאַציע ווערט אָבער אין דער „מ־פ“ מינימיזירט די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער נסיעה אין די אינטערעסן פון שלום דורך די באַמערקונגען „ניט געקוקט אויף דעם ערנסטן חסרון“ און „יעדע דערנענטערונג, אפילו אויב זי קומט אויף אַ ניט־געהעריקן אופן“. דער עדיטאָריעל לאָזט איבער ביי די לייענער אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו דער שלום־אַקציע. דורך אַזאַ צוגאַנג ווערט ביי די „מ־פ“־לייענער פאַרפלאַנצט נאַציאָנאַליסטישע געפילן און אַן איינזייטיקייט צו דער פראַגע פון שלום אויפן מיטל־מזרח.

וועגן דער לאַגע פון סאָוועטישע יידן

אַ געהעריקן ענטפער אויף די בילבולים וועגן „סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם“ קריגן מיר פון אַ פּראָמינענטער פּערזענלעכקייט, וואָס געפינט זיך גראָד אין בירגערלעכן לאַגער. דער באַוואוסטער פּאַריזער אַדוואָקאַט אַנדרע בלומעל, געוועזענער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פראַנקרייך, האָט ניט לאַנג צוריק אָפּגעדרוקט אין דער פּראָגרעסיווער פּאַריזער צייטונג „נייע פּרעסע“ אַן אַרטיקל וועגן דער לאַגע פון די סאָוועטישע יידן. אין דעם אַרטיקל האָט בלומעל רעאַגירט אויף אַ העצערישן, אַנטי־סאָוועטישן בוך „די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד“, אין וועלכן דער מחבר, איינער אַ דזשעראַד איזראַעל, שפּייזט זיינע לייענער מיט די ליגנס, רכילות און פעלשונגען, וואָס קומען פון די אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־קוואַלן.

א. בלומעל שרייבט:

„אומעטום, וואו איך בין געווען, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ געוויסער צאָל סאָוועטישע בירגער פון יידישער נאַציאָנאַליטעט אויף היערארכישע פּאָסטנס.

„דער אינזשענער בנימין דימשיץ איז וויצע־פּרעמיער פונעם מי־ניסטאָרן־ראַט פון ס־פ; דער אינזשענער שמעון גינזבורג איז פאָרזי־צער פון אַדמיניסטראַטיוון ראַט פון דער ,סטראָיבאַנק׳ [די באַנק פאַר אויפבוי]; לייב וואָלאָדארסקי, דאָקטאָר פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן, איז ערשטער וויצע־פּרעזידענט פון צענטראַלן אַמט פאַר סטאַטיסטיק ביים מיניסטאָרן־ראַט; יוסף ראַוויטש איז וויצע־מיניסטער פון פּאָסט און טעלע־פאַרבינדונגען פון ס־פ; אברהם לעווינסקי איז וויצע־מי־ניסטער פון דער עלעקטראָנישער אינדוסטריע פון ס־פ; לייב אייזענ־בערג איז וויצע־פרעזידענט פון מלוכהשן קאָמיטעט פאַר פרייזן ביים גאָספּלאַן פון ס־פ; אהרן זינדיק, געוועזענער שעף־אינזשענער פון דער אָנפירונג ביים בוי פון הידראָ־עלעקטרישער צענטראַלע אין בראַצק, איז איצט אַ הויכער אָנגעשטעלטער ביים קאָמיטעט פאַר וויסנ־שאַפט און טעכניק ביים מיניסטאָרן־ראַט פון ס־פ; אַלעקסאַנדער ביר־מאַן, דאָקטאָר פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן, איז וויצע־דירעקטאָר פון וויכטיקסטן אין ס־פ אינסטיטוט פון נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק; אהרן קאָגאַן איז געהילף־פּראָקוראָר פון דער פעדעראַציע פון רוסלאַנד; יצחק קאַגאַנאָוויטש איז פּראָקוראָר ביי דער אָנפירונג פון אַנקעטעס ביים הויפט־טריבונאַל פון ס־פ.

„צווישן די דעפּוטאַטן פון פאַרשיידענע סאָוועטן ציילט מען אַכט טויזנט יידן. צווישן די דעפּוטאַטן פון העכסטן סאָוועט פון ס־פ, וואָס איז דערוויילט געוואָרן אין 1970, געפינען זיך: בנימין דימשיץ, וועג־מען מיר האָבן שוין דערמאָנט; דער אַקאַדעמיקער יורי כאַריטאָן; וולאַדימיר פעלער, פּרעזידענט פון קאָלכאָז „זאוועטי איליטשאַ", פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט; קאָסטאַס גליקאַס, פּרעזידענט פון קאָלכאָז ,לענין׳, אין דער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק פון ליטע; דער שרייבער אַלעקסאַנדער טשאַקאָווסקי, שעף־רעדאַקטאָר פון ,ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ׳.

„אין 1958 איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען 28 טויזנט מיט 966 וויסנשאַפטלעכע טוער פון יידישער נאַציאָנאַליטעט; אין 1968 זיינען זיי געווען 96 טויזנט מיט 995 טוער.

„איך צי נאָך די אויפמערקזאַמקייט אויפן פאַקט, וואָס אויף די 844 מענטשן, וועלכע זיינען געוואָרן באַלוינט מיטן לענין־פּריז, זיינען 564 רוסן, 96 יידן און 184 פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן".

די פּרטים וועגן די דערגרייכונגען פון סאָוועטישע יידן ווערן באַהאַלטן פו־נעם ברייטן עולם ביי אונדז אין לאַנד. ס׳איז, אַשטייגער, פאַרשוויגן געוואָרן די נייעס, אַז אין 1971 זיינען, פּונקט ווי אין 1970, ווי אַנדרע בלומעל האָט דער־מאָנט, אַ סך פון די סאָוועטישע פערזענלעכקייטן, וואָס זיינען באַערט געוואָרן מיט לענין־פּרעמיעס, געווען יידן. פון די 278 אויסגעטיילטע לענין־פּריזן

זיינען 39 באַשטימט געוואָרן פאַר יידן. לאָמיר געדענקען, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד באַטרעפט אייך מיט צוויי צענטל פראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, די צאָל יידישע לאַורעאַטן דערגייט אָבער צו פערצן פראָצענט. צווישן די פרעמירטע זיינען פאַראַן יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין צווייגן פון וויסנשאַפט, טעכניק און קונסט. מיר געפינען צווישן זיי מיטגלידער פון סאָוועטישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, אַטאָמישע וויסנשאַפטלער, מעדיצינישע פאָרשער, ביאָלאָגן, פיזיקער, מאַטעמאַטיקער, אינזשענערן, דיכטער, פּראָזאַאיקער, בינע־קינסטלער, קאָנצערט־זינגער, קאָמפּאָזיטאָרס און אַנדערע.

אַ פירער פון אַ סאָוועטישער דעלעגאַציע, וואָס האָט באַזוכט די פאַראייניקטע שטאַטן אין אָקטאָבער, 1971, דר. סאַמועל סיווס, האָט איבערגעגעבן ביי אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, אַז אַכט פּראָצענט פון אַלע סאָוועטישע וויסנשאַפטלער זיינען יידן. דר. סיווס, אַליין אַ ייד, איז וויצע־דירעקטאָר פון יורידישן אינסטיטוט ביי דער סאָוועטישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. צווישן די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע האָט זיך שטאַרק אָנגעזען דער באַוואוסטער יידישער גענעראַל דוד דראַגונסקי, דירעקטאָר פון אַ סאָוועטישער מיליטערישער אַקאַדעמיע. מיט אַ קורצער צייט פריער האָט גענעראַל דראַגונסקי באַריכטעט ביי אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין מאָסקווע, אַז אים איז באַקאַנט אַ באַדייטנדיקע צאָל גענעראַלן, פּאָלקאָווניקעס און אַנדערע סאָוועטישע אָפיצערן פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. צווישן זיי, גענעראַל־לייטענאַנט מאַטפעי וויינטרויב, קאָמאַנדיר פון קיעווער מיליטערישן דיסטריקט און זיין ברודער, פּאָלקאָווניק יעווסעי וויינטרויב. זיי זיינען זין פון אַ באַן־אַרבעטער און זיינען ביידע באַערט געוואָרן מיט דער אויסצייכנונג „העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד". פיל פון די יידישע אָפיצערן זיינען פונעם יונגן סאָוועטישן דור מיליטערלייט, האָט דראַגונסקי אָנגעוויזן.

צווישן די פולע מיטגלידער און מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע זיינען פאַראַן 20 יידן. העכער אַ האַלבער מיליאָן סאָוועטישע יידן האָבן געקראָגן אַ הויכשול אָדער מיטלשול (האַי סקול)־בילדונג. בעת אויף יעדע 10,000 מענטשן פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער באַפעלקערונג נעמען זיך אָן 182 סטודענטן, דערגייט די צאָל סטודענטן אויף יעדע 10,000 יידן צו 315 פּערזאָן. לויט דער צאָל וויסנשאַפטלער פאַרנעמען די צוויי מיליאָן מיט 151 טויזנט יידן, וואָס געפינען זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (לויטן 1970 צענזוס), דעם דריטן אָרט אין לאַנד, נאָך די רוסן און אוקראַאינער. 340 טויזנט יידן זיינען באַערט געוואָרן מיט אָרדנס און מעדאַלן פאַר זייער העלדישקייט אין די שלאַכטן קעגן די נאַציס און דערגרייכונגען אויפן היים־פראָנט, אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין 1928 איז געשאַפן געוואָרן דער יידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן אין ביראָבידזשאַן. מיט זעקס יאָר שפּעטער איז דאָרט עטאַבלירט געוואָרן אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט. אין 1967 איז די יידישע אויטאָנאָמע געגנט באַלוינט געוואָרן מיטן לענין־אָרדן. אין אַ באַריכט פון דעם ערשטן סעקרעטאָר פונעם געגנט־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, לעוו שאַפּיראָ

(„סאָוועטע לאַיף“, מיי 1972), ווערט פאַרצייכנט, אַז אין ביראָבידזשאַן גייט־אָן אַ כסדרדיקער, ראַשיקער וואוקס פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט. דאָרט גייט־אַרויס אַ יידישע צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן“. די לאָקאַלע ראַדיאָ־פּראָגראַמען ווערן געבראָדקעסט אין יידיש און רוסיש. די ביראָבידזשאַנער שלום עליכם־ביבליאָטעק איז אָנגעפילט מיט טויזנטער ביכער, אין יידיש, רוסיש און אַנדערע שפּראַכן. ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט ווערט געשאָנקען צו די שאַפונגען פון סאָוועטיש־יידישע שרייבער און דיכטער. ס׳איז פאַראַן אַ יידישער אַמאַטאָרן־טעאַטער און עס ווערן דורכגעפירט אָפטע פאָרשטעלונגען און אַנדערע קולטורעלע אַרויסטרעטונגען אין יידיש.

אין דעם הונדערטסטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“, אין וועלכן עס איז געפייערט געוואָרן דער צען־יאָריקער יובילי פון דעם דאָזיקן פּרעכטיקן זשורנאַל (נומ. 7, 1971), איז געדרוקט געוואָרן אַ באַגריסונג פון גענעראַל הירש פּלאַסקאָוו, וועלכער האָט צו 17 יאָר זיך אָנגעשלאָסן אין דער רויטער גוואַרדיע און גיט זיך אָפּ מיט בעלעטריסטיק, איבערהויפּט מיט שרייבן זיינע זכרונות, זינט ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער רויטער אַרמיי, אין 1961. און גענעראַל פּלאַסקאָוו האָט וואָס צו דערציילן. ער האָט דורכגעמאַכט דעם בירגער־קריג און די מלחמה קעגן היטלערן, און איז געווען פיל מאָל פאַרוואונדעט — געקוקט אַ סך מאָל דעם טויט אין די אויגן. אין זיין באַגריסונג לייענען מיר:

„איך בין גרויס ביי זיך, וואָס איך האָב אַ שייכות צום זשורנאַל און די לייענער האָבן ניט איין מאָל באַגעגנט אין אים מיין נאָמען. אַלס מיליטערמאַן האָב איך זיך באַמיט צו באַקענען די יידישע לייענער, איבערהויפּט די יוגנט, וועלכע ווייסט וועגן דער מלחמה בלויז פון די לערן־ביכער, מיט מיינע זכרונות וועגן בירגער־קריג און וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה; וועגן די טייכן בלוט, וואָס אונדזער דור, די טאַטעס און זיידעס, האָבן פאַרגאָסן, ביז דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט געקאָנט פייערן זיינע היסטאָרישע ניצחונות איבער די ערגסטע שונאים פון אונדזער פאָטערלאַנד“.

ער פאַרענדיקט זיין רירנדיקע באַגריסונג מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„פאַר די קאַרגע צען יאָר האָב איך אין ,סאָוועטיש היימלאַנד‘ אָפּגעדרוקט אַ ריי פאַרצייכענונגען און אַרטיקלען. איך בין אַרויסגעטראָטן מיט דערינערונגען אין דריי יידישע זאַמל־ביכער. יעדעס מאָל, ווען איך גרייט מאַטעריאַל פאַר ,סאָוועטיש היימלאַנד‘, פיל איך מיין גרויסע אחריות, און דאָס באַוועגט מיך צו זיין פּינקטלעך, נישט פאַרשוועכן, חלילה, דעם כבוד פון באַליבטן זשורנאַל“.

ס׳איז באמת אַ מערקווירדיקע דערשיינונג, אַז אַ 72־יאָריקער יידישער גענעראַל זאָל מאַכן אַזאַ שעפערישן ביטראָג צו אַ יידישער צייטשריפט און זיך באַציען מיט אַזוי פיל ליבע און יראת הכבוד צו זיינע יידישע ליטעראַרישע שאַפונגען.

און אַז מיר האַלטן שוין דערביי איז כדאי צו דערמאָנען, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד“, וואָס ווערט פאַררעכנט אַלס די בעסטע יידישע ליטעראַרישע

שריפֿט פֿון איר מין איבער גאָר דער וועלט, דינט ווי אַ טריבונע פֿאַר אַ
גרויסער צאָל סאָוועטיש־יידישע פּאָעטן, בעלעטריסטן און פּובליציסטן, ווי
אויך פֿאַר יידישע שרייבער פֿון אַנדערע לענדער. אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ווערן
פּובליקירט ביכער פֿון צענדליקער יידישע שרייבער, אין יידיש, רוסיש, אוק־
ראַיניש, ווייסרוסיש, ליטוויש, מאָלדאַוויש און אוזבעקיש.
אין די לעצטע עטלעכע יאָר זיינען שלום עליכמס ווערק דערשינען אין
אַ זעקס־בענדיקער רוסישער און אַ פֿיר־בענדיקער אוקראַינישער אויסגאַבע.
מען האַלט איצט ביים אַרויסגעבן אַ נייע, פֿאַרבעסערטע אויפֿלאַגע אין רו־
סיש, אין 250,000 עקזעמפּלאַרן. העכער 300 ביכער פֿון יידישע שרייבער
זיינען איבערזעצט געוואָרן אין די לשונות פֿון אַ באַדייטנדיקער צאָל נאַ־
נאַציאָנאַליטעטן פֿון ס״פֿ. יידישע ביכער דערשיינען רעגלמעסיק אין סאָוועטן־
פֿאַרבאַנד, אין אַ טיראַזש וועגן וועלכן מען קען אפֿילו נישט טראַכטן ביי אונדז
אין לאַנד. אין די לעצטע פֿיר יאָר זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן ביכער
אין יידיש פֿון פֿופֿצן שרייבער. אין 1969 איז געדרוקט געוואָרן אַ זאַמל־
בוך אין יידיש פֿון 57 שרייבער, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 820 זייטן. אין
מאָסקווע און אין פֿיל שטעט איבערן לאַנד, ווערן אָפֿט דורכגעפֿירט קאָנ־
צערטן און טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען אין יידיש. עס פֿונקציאָנירן אין אַ סך
צענטערס יידישע קונסט און בינע־קאָלעקטיוון. די יידישע פֿאָרשונגען אין
לענינגראַדער אינסטיטוט פֿאַר מזרח־קענטעניש זיינען אינטערנאַציאָנאַל־
באַוואוסט. ענלעכע פֿאָרשונגען ווערן געפֿירט אין דזשאָרדזשיער אוניווער־
סיטעט און אין נאָך סאָוועטישע הויכשולן. די יודאַיקאַ־קאָלעקציע פֿון ביכער
און מאַנוסקריפּטן אין דער לענין־ביבליאָטעק, אין מאָסקווע, ווערט הויך
געשאַצט ביי וויסנשאַפֿטלער אין אַ סך לענדער. געוויס קומט, צום באַ־
דויערן, פֿאַר ביים יונגן יידישן־סאָוועטישן דור אַן אָפּפֿרעמדונג פֿון יידיש, ווי
דאָס איז דער פֿאַל ביי אונדז אין לאַנד און אין נאָך פֿיל יידישע ישובים. 85%
פֿון די 6 מיליאָן יידן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן רעדן ענגליש. פֿון די הונ־
דערטער טויזנטער יידישע לייענער מיט וואָסערע 60 יאָר צוריק, זיינען פֿאַר־
בליבן בלויז עטלעכע צענדליק טויזנט. אין ניו־יאָרק האָט געמוזט זיך
פֿאַרמאַכן די בירגערלעכע יידישע צייטונג „טאָג־מאָרגן זשורנאַל“. ווען עס
קומט צו די פּ״ש ווערט דאָס באַצייכנט ווי אַ „נאַטירלעכער פּראָצעס“, אויפֿן
ס״פֿ ווערן אָבער געוואָרפֿן פֿאַרלוימדונגען פֿון „געצוואונגענער אַסימילאַציע“
און „סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם“.
אין אַן אַרטיקל אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ פֿון נ. ריכטער „די פֿרוכט
פֿון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק“ (נומער 5, 1972), ווערט אָנגע־
וויזן: אונדזערע אידעאָלאָגישע קעגנער, אין ישראל און אין אַנדערע קאַ־
פּיטאַליסטישע לענדער, פֿירן אַ דעמאַגאָגישע, אַנטי־סאָוועטישע קאַמפּאַ־
ניע אַרום דער קולטור־אַרבעט אויף יידיש אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דאָס טוען
זיי, פֿאַרגעסנדיק אין זייערע אייגענע התחייבותן אויף דעם געביט פֿון
יידישער קולטור און איגנאָרירנדיק די באַמיאונגען, וועלכע ווערן געמאַכט
אין אונדזער לאַנד, און וואָס ברענגען ממשותדיקע רעזולטאַטן, אין פּרט
פֿון ווייטער אַנטוויקלען — אין גאַנץ שווערע באַדינגונגען פֿון שפּראַך־
אַסימילאַציע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג — די יידישע ליטעראַטור,

טעאַטער און עסטראַדע־טעטיקייטן, מאָלעריי, מוזיק״. מען מוז, פאַרשטייט זיך, מסכים זיין מיט דער דאָזיקער אָפּשאַצונג. מען מעג אויך זיין שטאָלץ מיטן באַדייטנדיקן יידישן בייטראָג און באַרייכערונג פון דער אַלגעמיינער קולטור אין ערשטן לאַנד פון סאָציאַליזם — סאָוועטן־פאַרבאַנד.

טייל מאָל כאַפּט זיך אַרויס אפילו פון ציוניסטישע פירער דער אמת וועגן דעם הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד פון די סאָוועטישע יידן. אברהם שענקער, הויפּט פון דער אָרגאַניזאַציע און אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, שרייבט אין אַן אַרטיקל אין דעם מאַי 1971 נומער פון „ניו האָריזאָנס״:

„דאָס סאָוועטישע יידנטום איז אַ שטאַטישער עלעמענט, וואָס געפינט זיך צום מערסטן אין דעם קלאַס פון פאַרוואַלטער און פּראָפעסיאָנאַלן און האָט פיל געוואָסן פון דעם געהעכערטן עקאָנאָמישן סטאַטוס זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה״.

שענקער ווייזט־אָן אויף דער פונקציע פון ישראל אין דעם פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט פון אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם און פאָדערט, אַז די דאָזיקע פונקציע מוז נאָך מער אויסגעברייטערט ווערן. ער וואָרנט: „אין פאַל מדינת ישראל וועט מינימיזירן די ראָל וואָס זי שפּילט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און פאַרגעסן וועגן אירע סטראַטעגישע פונקציעס ביי דעם צעשפּרייטן יידישן פאָלק וועט זי פאַרקלענערן איר צוציאונגס־קראַפט, ספּעציעל פאַר דער יוגנט״.

וועגן וועלכע פונקציעס רעדט שענקער? ס׳איז קלאָר אַז ער האָט אינזינען דאָס פאַרשפּרייטן פון דער ציוניסטישער, אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז איינע פון די וויכטיקסטע קאָנצענטראַציעס פון דער ישראל־רעגירונג. וואָרטזאָגער פון דעם עסטאַבלישמענט (די פירנדיקע קרייזן) פון ישראל גרויסן זיך עפנטלעך מיט דער ווירקונג פון זייער פּראָפּאַגאַנדע אין ס״פ. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון מאַפּאַם, ליאָווא אליאב, האָט אויפגעהויבן אַ ביסל דעם פאָרהאַנג וועגן דעם, וואָס עס ווערט געטאָן „הינטער די קוליסן״ פאַר דער „נאַציאָנאַלער דערוואַכונג״ פון די סאָוועטישע יידן, אין אַן אַרטיקל, אין „דבר״ (מערץ 13, 1970), וואו ער האָט געשריבן:

„ס׳איז וויניק באַקאַנט וועגן די דערגרייכונגען, וואָס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן. די דערוואַכונג פון סאָוועטישע יידן איז נישט געקומען פון זיך אַליין. מען האָט צוגעשטעלט טעקסט־ביכער. ס׳זיינען איינגעשטעלט געוואָרן קלאַסן אין עברית. מען האָט פאַרשפּרייט טראַנסקריפּטן פון ראַדיאָ־פּראָגראַמען א. א. וו.... איך וויל נישט און איך קען נישט אַריינגיין אין איינצלהייטן וועגן דער דאָזיקער פּראַגע... די [ישראל] רעגירונג שוויגט וועגן דעם״.

מק״י באַטייליקט זיך, מיטן פולן שוואונג, אין דער דאָזיקער וואַקכאַנאַליע, קאָנצענטרירנדיק זיך ספּעציעל אויף אַ פּראָ־ציוניסטישער אַגיטאַציע צווישן ליבעראַלע און ראַדיקאַלע עלעמענטן. מיקוניס רעדט וועגן דעם, אַז זיין פּאַרטיי „וויל געטריי דורכברעכן אַ וועג פאַר די לעגיטימע רעכט פון ישראל אין דעם קאָמוניסטישן לאַגער״. ווען די סאָוועטן־רעגירונג דעקט־אויף די אינטריגעס פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין בייזערט זיך מיקוניס, אַז דער ס״פ „וואַרפט אַרויף באַשמוצונגען קעגן ישראל און דעם

אַזוי־גערופענעם אינטערנאַציאָנאַלן, אימפּעריאַליסטישן ציוניזם". דר. סנה האָט פּראָקלאַמירט דעם ציוניסטישן לאָזונג, אַז ישראל איז דער גייסטיקער צענטער פון די סאָוועטישע יידן, א. א. וו.

מען זוכט צו דערוועקן ביים סאָוועטישן יידנטום שאָוויניסטישע געפילן, אַז יידן זיינען אַן „אויסדערוויילט פאָלק". מיטן פאַרפירערישן לאָזונג „לעט מאַי פּיפּל גאָ" („שלח את עמי", לאָז אַרויס מיין פאָלק) וויל מען שאַפן דעם איינדרוק, אַז גרויסע מאַסן סאָוועטישע יידן „שטרעבן" צו פאָרן קיין ישראל. מען אַפּעלירט אין נאָמען פון די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין די נאַצישע אויסראָטונגס־לאַגערן; מען פאַרשוועכט דעם אָנדענק פון די יידישע קדושים; מען רופט אין נאָמען פון זייער מאַרטירערטום צו שטיצן אַ פאַרכאַפּונגס־פּאָליטיק, וואָס איז קעגן די אינטערעסן פון ישראל־פאָלק. די פּראָפּאַגאַנדע ווערט פאַרפּלייצט דורך דער ישראלדיקער ראַדיאָ און דורך אַנדערע קוואַלן, זי ווערט פאַרשפּרייט דורך ישראלדיקע רעגירונג־אַגענטורן, אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט דער ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. מען לאָקט סאָוועטישע יידן, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַפרייט פון זייערע בורזשואַזע פאָראורטיילן, צו ווערן „רייכע געשעפטסלייט" אין ישראל.

אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע ביי אונדז אין לאַנד

די פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע ביי אונדז אין לאַנד האָט זיך, מיט גרייטקייט, געשטעלט אין דינסט פון די אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן. עס ווערן גענוצט אַלע מעגלעכע מיטלען, אָנהויבנדיק מיט דעמאָנסטראַציעס, טיילמאָל געפירט פון דער פּראָ־פאַשיסטישער „דזשואיש דעפענס ליג", ביז קאָנגרעס־פאַרהערן, צו צעפלאַקערן דעם גרויסן ליגן וועגן „סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם". יידישע פּובליקאַציעס און די ברייט־פאַרשפּרייטע יידיש־ענגלישע פּרעסע שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דער דאָזיקער גיפט־קאַמפּאַניע. בורזשואַזע יידישע אָרגאַניזאַציעס ווי בני ברית, דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס און דהי אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי, ראַבאַיס און רעליגיעזע גרופּירונגען, קאָנצענטרירן זיך אויף דעם.

אפילו דער אולטראַ־רעאַקציאָנערער סענאַטאָר דזשעימס באָקלי האָט אָנגעהויבן „זיך זאָרגן" פאַר די סאָוועטישע יידן. אויף זיין איניציאַטיוו האָט די ראַדיאָ־פּראָפּאַגאַנדע אַגענטור „וואָיס אָוו אַמעריקאַ" אָנגעפאַנגען אַרויסשיקן ספּעציעלע העצ־פּראָגראַמען צו די יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. באָקלי האָט, בכבודו ובעצמו, געלאָזט וויסן וועגן דעם ביי אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג אין וואַיט פּלעינס, נ. י. אינטערעסאַנט איז, אַז דער דירעקטאָר פון דער אַמעריקאַנער אינפאָרמאַציע ביוראָ, פּרענק שעקספּיר, וועלכער האָט די אויפזיכט איבער „וואָיס אָוו אַמעריקאַ", איז באַשטאַנען, אַז די „יידישע פּראָגראַמען" זאָלן געבראָדקעסט ווערן אין דער רוסישער שפּראַך, ווייל בלויז 15 פּראָצענט פון די סאָוועטישע יידן רעדן יידיש און ער זוכט צו דערגרייכן אַ גרעסערע צוהערערשאַפט אין ס״פ.

די היסטערישע וואַקכאַנאַליע אַרום דער פּראַגע פון די סאָוועטישע יידן איז דערגאַנגען צו אַזאַ שטופע, אַז אפילו דער סטעיט־דעפּאַרטמענט אין

וואַשינגטאָן האָט אַפּנים דערזען, אַז מען איז שוין אַוועק צו־ווייט. דעם 9טן נאָוועמבער, 1971, האָט אַ קאָמיטעט פון רעפּרעזענטאַנטן־הויז, מיט קאָנג־רעסמאַן בענדזשאַמין ראָזענטאַל בראש, געעפנט אַ פאַרהער וועגן „פאַרלע־צונג פון די רעכט פון סאָוועטישע יידן". פון דער דאָזיקער באַצייכענונג קען מען שוין זען וואוהין דער „פאַרהער" האָט געצילט. צו ראָזענטאַלס דערשטוינונג, און שטאַרקער אומצופרידנקייט, איז דאָרט אָבער אויפגעטראָטן אַ פאַרשטייער פון סטעיט דעפּאַרטמענט, ריטשאַרד דעיוויס, וועלכער האָט אַנגעשלאָגן גאָר אַן אַנדער טאָן. ער האָט געזאָגט: „די באַהויפּטונגען, אַז אַ מערהייט פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד לעבן, ווי אַ געמיינדע, אין טעראָר איז איבערטריבן". דעיוויס האָט אָנגעוויזן:

„יידן זענען זיך, אין פּראָפּאָרץ, מער אָן אויף די געביטן פון עקאָ־נאָמיק, זשורנאַליזם, וויסנשאַפט, מעדיצין און קולטור ווי די אַנדערע טיילן פון דער סאָוועטישער באַפעלקערונג. זיי זיינען נאָך אַלץ אַ סאָוועטישע נאַציאָנאַלע מינדערהייט, מיט דער בעסטער בילדונג. ס'זיי־נען דאָ וויניק באַווייזן, אַז די אַנטי־ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע פון דעם רעזשים [דער סאָוועטן רעגירונג — פ. ה.) טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם".

אַ צווייטער הויכער באַאַמטער פון סטעיט־דעפּאַרטמענט, סאָל פּאָלאַנ־סקי, אַ ייד, וועלכער האָט אַ לענגערע צייט געהאַט אַ באַשטימונג אין דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, אין מאָסקווע, האָט באַשטעטיקט דעיוויסעס דער־קלערונגען.

די פראַגע פון דער אימיגראַציע פון סאָוועטישע יידן קיין ישראל ווערט בכלל שטאַרק איבערגעטריבן. וואָס זיינען די מאָטיווירונגען פאַר דעם? אַ סך יידישע עמיגראַנטן ווילן זיך פאַראייניקן מיט קרובים אין ישראל, אַנ־דערע, ספּעציעל עלטערע יידן, טוען דאָס צוליב רעליגיעזע מאָטיוון. געוויסע עלעמענטן לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, צווישן זיי געפינען זיך פאַנאַטיקער וואָס מאַכן אַ גרויסן טומל. זינט פאַריקן יאָר האָט די עמיגראַציע פון סאָוועטישע יידן קיין ישראל זיך פאַרגרעסערט. אין די ערשטע צען חדשים פון 1971 זיינען העכער אַכט טויזנט יידישע אימי־גראַנטן פון ס״פ אָנגעקומען קיין ישראל. לעצטנס איז די עמיגראַציע קיין ישראל באַדייטנדיק געשטיגן. ס'איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז די יידן, וואָס ווילן אַרויספאָרן פון ס״פ קיין ישראל קאָנען דאָס איצט טאָן, מיט גע־וויסע אויסנאַמפאַלן, וואָס האָבן צו טאָן מיט פּאָליטישע טעמים אָדער באַ־דינגונגען פון אַ ספּעציעלן כאַראַקטער.

פיל סאָוועטישע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ישראל, זיינען אַנ־טוישט געוואָרן און ווילן פאָרן צוריק אַהיים, זיי געפינען אָבער אויס, אַז ס'איז גאָרניט אַזאַ גרינגע זאַך צו פאַרלאָזן די יידישע מדינה. עס קומען אָפּטע באַריכטן וועגן זיץ־סטרייקס, און אַנדערע מאַניפעסטאַציעס, וואָס אַנ־טוישטע סאָוועטישע אימיגראַנטן האַלטן־אָפּ אין ישראל. סוף נאָוועמבער, 1971, האָבן אַזעלכע פּראָטעסט־אַקציעס פון עולים פון סאָוועטישער דזשאָרדזשיא אַרויסגערופן אַ גרויסן רושם אין דער ישראל־עפנטלעכקייט. די וואָרטזאָ־גער פון די פּראָטעסטירנדיקע אימיגראַנטן האָבן דערקלערט, אַז פאַר זיי איז

שווער זיך צוצופּאַסן צו אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, [illegible] סאָציאַליזם. זיי האָבן זיך באַקלאָגט, אַז זיי קריגן נישט קיין צוגעפּאַסטע דירות און זיי פעלט־אויס די פרייע מעדיצינישע באַהאַנדלונג, מיט וועלכער זיי זיינען באַזאָרגט געוואָרן אין ס״פ. פיל דזשאָרדזשיער יידן באַקלאָגן זיך, אַז פאַר זיי איז שווערער צו פירן אַ רעליגיעז־יידיש לעבן אין ישראל ווי אין זייער פריערדיקער היים — אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער „נ. י. טאַימס״־קאָרעספּאָנדענט קענדריק סמיט האָט אגב באַריכטעט פון טביליסי, דזשאָרדזשיא (דעצ. 1, 1971), אַז ער האָט נישט געפונען קיין אומצופרידנקייט צווישן די דאָרטיקע יידן. ער האָט איבערגעגעבן, אַז אין טביליסי זיינען פאַראַן צוויי שולן. אין דער גרעסערער האָבן אַן ערך 700 יידן זיך באַטייליקט אין שבתדיקן דאַוונען. דער פירער פון יענער געמיינדע האָט אָנגעוויזן, אַז די סאָוועטן רעגירונג האָט זיי פאַראַיאָרן צוגעשטעלט 800 סידורים. עס זיינען געפייערט געוואָרן אַרום הונדערט בר מצוהס. אין דער שול זיינען פאַראַן צענדליקער ספר תורהס. פון יאַנואַר ביז נאָוועמבער 1971 זיינען אַרום 300 דזשאָרדזשיער יידן אָפּגעפאָרן קיין ישראל. אַ סך פון זיי האָבן געוואָלט זיך פאַראייניקן מיט משפחות אָדער קרובים. די יידישע עמיגראַנטן האָבן נישט געהאַט קיין שוועריקייטן צו קריגן וויזעס, עטלעכע האָבן אפילו מיטגענומען זייערע אויטאָמאָבילן.

אין דער איינפלוסרייכער צייטונג „דבר״ איז געווען געדרוקט אַ בריוו פון אַ טביליסיער ייד, שבתי מיכאַלשיווי, 31 יאָר אַלט, וועלכער האָט איבערגעגעבן, אַז ער האָט געהאַט אין ס״פ אַ באַקוועמע דירה פון 4 צימערן, מיט אַ דירה־געלט פון צוועלף רובל אַ חודש. ער האָט פאַרדינט 220 רובל חודשלעך, האָט ניט געדאַרפט אַרבעטן אום שבת און האָט געגעבן זיינע קינדער אַן אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזע דערציאונג. אין ישראל איז ער אַרבעטסלאָז און מוז אָנקומען צו דער הכנסה פון זיין פרוי, וועלכע פאַרדינט 12 ישראל־פונט (אַרום 3 דאָלאַר) אַ טאָג. אַ צווייטער אימיגראַנט פון דזשאָרדזשיא, יהודה טאַטאַשווילי, 35 יאָר אַלט, האָט באַריכטעט, אַז ער פאַרדינט 15 מיט אַ האַלב פונט אַ טאָג. דאָס שיקן זיין זון אין קינדער־גאָרטן קאָסט אים 50 פונט פער חודש. „באָס־פעיר״ (דער אָפּצאָל פאַר פאָרן אויף אויטאָבוסן) איז אַ באַדייטנדיקע הוצאה און ער קאָן בשום אופן נישט אויסקומען מיט זיינע קנאַפּע פאַרדינסטן.

אויף וויי־ווייט אַ טייל סאָוועטישע יידן ווערן פאַרפירט פון ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך אָנגעזען אין דעם פאָלגנדיקן אינצידענט, וואָס איז פּובליקירט געוואָרן אין „הארץ״, אָקטאָבער 12, 1971. אַ גרופּע סאָוועטישע יונגע אימיגראַנטן, האָט באַזוכט אין חיפה, אויף דער איניציאַטיוו פון אַ שטאָטישן ראַטמאַן, אַ פאַרוואָרלאָזטע סלאָם־געגנט. די יוגנטלעכע זיינען ממש דערשיטערט געוואָרן פון דעם, וואָס זיי האָבן געזען און האָבן, נאָכן באַזוך, פאַרעפנטלעכט די פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„...דאָ האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון אונדזער פאָלק ליידט פון נויט. עס רעדט זיך וועגן אונדזערע ברידער, אָפּשטאַמיקע פון אַזיע און אַפריקע... מיר האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַקענען זיך מיט דער פּראָבלעם פון אָרעמקייט און מיר

זיינען דערשיטערט געוואָרן פון דעם, וואָס מיר האָבן געזען. עס איז ריכטיק, אַז אין פיל לענדער איז פאַראַן אָרעמקייט, מיר האָבן זיך אָבער נישט געריכט צו טרעפן אַזאַ זאַך אין דער יידישער מדינה. זינט אַלע דורות האָבן מיר אָפּגעהיט דעם פסוק, אַז גאַנץ ישראל זאָרגט איינער פאַרן צווייטן. דאָס, וואָס מיר האָבן געזען איז אַנטי־ציוניסטיש און אַנטי־נאַציאָנאַל... זאָל דאָס פאָלק אין ישראל וויסן, אַז עס אַרט אונדז זייער די לאַגע פון אונדזערע ברידער, וועלכע ליידן פון מאַנגל אין דירות און פון נויט און מיר וועלן נישט שווייגן ביז מיר וועלן זיי נישט זען גליקלעכע און פריילעכע".

די דאָזיקע נאַאיווע דערקלערונג ווייזט ווי שטאַרק די יוגנטלעכע זיי־נען געוואָרן מיסאינפאָרמירט. מען האָט זיי צעטומלט מיט דער פאַלשער פּראָ־פּאַגאַנדע, אַז דער אימפּעריאַליסטישער ציוניזם איז אַ הומאַניטאַרע אידע־אָלאָגיע און די בורזשואַזע הערשער פון ישראל שאַפן־אָפּ אָרעמקייט און בויען אַן אידעאַלן, אוטאָפּישן, סאָציאַליסטישן שטאַט. צום באַדויערן ווערן געוויסע סאָוועטישע יידן אויף אַזאַ אופן פאַרפירט. ווען זיי דערוויסן זיך דעם אמת און טשוכען זיך אויס פון דעם נאַציאָנאַליסטישן טשאַד — איז צו שפּעט.

לעצטנס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן הונדערטער בריוו, וואָס שטאַרק אַנטוישטע יידישע אימיגראַנטן פון ס״פ האָבן געשריבן פון ישראל צו זייערע קרובים אָדער צו סאָוועטישע אינסטאַנצן. די בריוו אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ בילד פון דערשלאָגענע מענטשן, וואָס האָבן דורך זייער אַרויספאָרן קיין ישראל צעבראָכן זייערע לעבנס און די לעבנס פון זייערע פאַמיליעס. מיר גיבן דאָ איבער, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, בלויז איין בריוו. קאַרל אַבראַמאָ־וויטש שרייבט צו זיינע פריינט:

„אַ גרוס אייך טייערע משפּחה סאַנדלער. אונדזער זון גרישאַ לערנט זיך נאָך אַלץ די שפּראַך [העברייאיש — פּ. ה.]. ס׳איז זייער שווער אַריינצוקומען אין אַ שולע. מען דאַרף דאָ האָבן גרישאַן פאַר דער אַרמיי. דאָ לעבט יע־דער איינער פאַר זיך. אַזאַ סיסטעם איז דאָ איינגעשטעלט געוואָרן. איך אַרבעט בלויז זעקס חדשים אַ יאָר... איך גלויב, אַז איר וועט שוין פאַר־אויפגעגעסן דאָס גאַנצע געלט וואָס מיר האָבן געבראַכט אַהער. פאַר די וואָס קענען נישט קיין העברייאיש איז אוממעגלעך צו קריגן בעסערע אַרבעט. די איינציקע אַרבעט, וואָס מיך פּרוי קען דאָ באַקומען איז צו רייניקן פּאָדלאָ־שטיין וואָס פאַראַ ,בריליאַנטענעם׳ לעבן מיר פירן דאָ. אַלע צוזאָגן זיינען געוועזן ליגן. אונדזערע קרובים באַזוכן אונדז אפילו ניט. מיר האָבן שוין געס און וואַשן וועש... איר געזונט איז נישט אַמבעסטן און זי ווערט אָפּט פאַרשלאָפּט. אויב איך וואָלט געהאַט פליגלען וואָלט איך געפלויגן צוריק אַהיימ".

דער סאָוועטישער שרייבער און העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד הענריך האָפּמאַן ווייזט אָן אין אַ פאָרוואָרט צו דער בראָשור, וואו אַ טייל פון די בריוו זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן: „אָט־די בריוו... זיינען דורכגעזאַפּט מיט אַ געפיל פון שאַנד און חרטה פאַר דעם טעות, וואָס איז באַגאַנגען גע־וואָרן, באַוואוסטזיניק אָדער ניט־באַוואוסטזיניק, און וואָס האָט פאַרקריפּלט זייערע לעבנס".

אײן זאַך איז קלאָר, די ציוניסטישע „נשמה־כאַפּער“ (און צװישן זײ גײען אַרײַן די פירער פון מק״י) לעבן מיט פאַלשע האָפנונגען. דער איבערװעגנדיקער טײל פון סאָװעטישן יידנטום, װאָס האָט געשאַפן פאַר זיך אַ נײַעם, פרײַען לעבן, פול מיט דערגרײכונגען, אין לאַנד פון סאָציאַליזם, האָט נישט קײן שום פאַרלאַנג צוריקצוקערן זיך צו דער אַמאָליקער „געטאָ־קולטור“ אָדער צו אַ באַנײטן מנחם־מענדעליזם.

מק״י אַטאַקירט די קאָמוניסטישע פּאַרטײ פון די פּ־ש און די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַװעגונג

די ברעכערישע טעטיקײטן פון מק״י זײַנען געװענדט אין צװײ ריכטונגען. פאַרשפרײטנדיק זײער שאָװיניסטישע פּראָפּאַגאַנדע אַטאַקירן אירע פירער די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַװעגונג, פון װעלכער זײ זײַנען אַרויסגעשטויסן געװאָרן. פון דער אַנדער זײַט שטיצן זײ, און שאַפן פאַרבינדונגען, מיט שפּליטער־גרופּן אומעטום, װאו אַזעלכע גרופּירונגען געפינען זיך. די קאָמוניסטישע פּאַרטײען, װאָס באַקעמפן די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון דער ישראל־מאַכט, װערן פאַרלוימדעט אַלס „אַנטיסעמיטיש“. רעװיזיאָניזם און אָפּאָרטוניזם װערן אַרויסגעהויבן װי „נײַע באַװעגונגען“ פאַר אַ „דעמאָקראַטישן, הומאַניסטישן קאָמוניזם“.

װאָס פאַר אַ פאַרשאַרפטע פאָרם זײער העצערישע אַגיטאַציע האָט אָנגענומען קען מען אויסגעפינען פון סנהס אַן אַרטיקל, פאַרעפנטלעכט אין נומער 9, 1970 (סעפּטעמבער־אויסגאַבע) פון דעם ענגלישן אינפאָרמאַציע־בולעטין פון מק״י, אונטערן קאָפּ: „װען װעט רק״ח זיך פרײַען?“ װי מען קען זען פונעם קאָפּ איז סנהס עיקר־אויפגאַבע געװען צו אַטאַקירן אין יענעם אַרטיקל די קאָמוניסטישע פּאַרטײ פון ישראל — רק״ח. ער האָט אָבער, אפנים, נישט געקענט דורכלאָזן אַזאַ „גאָלדענע געלעגנהײט“ אַרויסצושיסן זײַנע גיפטיקע פײַלן אויך אויף אַנדערע קאָמוניסטישע פּאַרטײען און צו באַשמוצן דעם סאָװעטן־פאַרבאַנד. מיר געפינען דאָרט אַזעלכע „פּערל“:

„די באַצילן פון פּאַן־אַראַבישן שאָװיניזם, װאָס װערן געשאַפן אין דער ריזיקער לאַבאָראַטאָריע פון דער סאָװעטישער פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין, כדי זײ װאָס מער צו פאַרשפרײטן און דורך דעם פאַרשטאַרקן די סאָװעטישע מאַכט, האָבן געבראַכט אַן עפּידעמיע פון האַס צו ישראל אויף בײדע ברעגן פון דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן“.

צװישן די קאָמ־פּאַרטײען, װאָס סנה טײלט־אויס פאַר אַ ספּעציעלן אָנגריף, געפינט זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטײ פון די פאַראײניקטע שטאַטן און די קאָמ־פּאַרטײ פון פראַנקרײַך. ער באַנוצט זיך אין דעם אַרטיקל מיט זײַן אָפּט־אָנגעװענדעטער דעמאַגאָגישער טעכניק, װאָס באַשטײט אין ציטירן אײנצעלנע זאַצן אָדער אַרויסגעפּליקטע אויסצוגן פון אַ געװיסן טעקסט און פאַרקריפּלען זײער טײַטש. ער ציטירט אַ זאַץ פון אַ דערקלערונג, װאָס די אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע פּאַרטײ האָט געמאַכט, דעם 9־טן אַפּריל, 1970, װעגן דער לאַגע אין מיטל־מזרח און קומט צו אַן אויספיר, װאָס איז אין דירעקטן היפוך פון דער אמתער שטעלונג פון דער קאָמ־פּאַרטײ פון די פאַראײניקטע שטאַטן צו מדינת ישראל.

סנה זאָגט, אַז „ישראל ווערט געסטראָשעט מיט רואינירונג". דער אמת איז, אַז די אַמעריקאַנער קאָמ. פּאַרטיי באַטאָנט אין איר דערקלערונג פּונקט דאָס פאַרקערטע. מיר לייענען דאָרט:

„אונדזער פּאַרטיי גייט־צו צום מיטל־מזרח קאָנפליקט פון אַ מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן שטאַנדפּונקט פון פּראָלעטאַרישן אינטער־נאַציאָנאַליזם. מיר שטיצן די רעכט פון אַלע לענדער אויפן מיטעלן מזרח, אַריינרעכענענדיק ישראל, צו לעבן אין שלום, זיכערקייט און פרייהייט. דאָס איז תמיד געווען אונדזער שטעלונג. אַרויסגייענדיק פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט שטיצן מיר דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג פאַרן פּאַלעסטינישן פאָלק. כדי דאָס צו פאַרווירקלעכן איז נויטיק, פריער פון אַלץ, צו דערגרייכן אַ גערעכטע לייזונג פון דער פּראָבלעם פון די פּאַלעסטיניש־אַראַבישע פּליטים".

דר. סנה שפּאַצירט געמיטלעך פון איין פעלשונג צו אַ צווייטער. ער כאַפּט־אַרויס אַ צווייטן זאַץ פון דער דערקלערונג, פאַרקריפּלט ווידער אַמאָל זיין טייטש, און באַשליסט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן באַטראַכט די ישראלים אַלס אַ „ראַסיסטיש־ציוניסטיש" פאָלק. ווי אַזוי באַווייזט סנה דעם דאָזיקן קונץ? ער ציטירט אַ זאַץ וואָס לייענט זיך: „עס דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן דער באַגריף, לויט וועלכן מדינת ישראל ווערט אידענטיפיצירט מיטן באַגריף פון אַ ראַסיסטיש־ציוניסטישן יידישן שטאַט". אָט־דער זאַץ ברענגט־אַריין סנהן אין אַ שטאַרקן כעס. ער בייזערט זיך, אַז מדינת ישראל איז נישט קיין „ראַסיסטיש־ציוניסטישער שטאַט", נאָר איז געשאַפן געוואָרן דורך אַ באַשלוס פון דער יו־ען, מיט דער פולער צו־שטימונג פון דער סאָוועטן רעגירונג. ווען מען לייענט אָבער דעם פולן אויסצוג פון דער דערקלערונג, פון וועלכן דער „פּאָלעמיקער" פון מק"י האָט אַרויסגענומען דעם זאַץ, זעט מען, אַז זיינע באַשולדיקונגען זיינען באַזירט אויף אַ האַמעטנער פעלשונג. דער אמת איז, אַז די אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע פּאַרטיי רופט אירע מיטגלידער, לטובת דעם ישראל־פאָלק, און לטובת דעם יידישן כלל דאָ ביי אונדז אין לאַנד, צו פירן אַן אויפקלע־רונג וועגן דער שעדלעכקייט פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און צו קעמפן קעגן דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון די הערשער פון ישראל און דורך דעם העלפן פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה. אין דעם אויסצוג ווערט געזאָגט:

„קאָמוניסטן מוזן זיך געפינען אין די פאָדערשטע רייען, אין די דאָזיקע קאַמפן. איבערהויפּט ווערן יידישע קאָמוניסטן גערופן צו פירן אַ קאַמף קעגן דער ליניע, וואָס פאַרוואַנדלט ישראל אין אַ גע־צייג פון אימפּעריאַליזם; קעגן די אַגרעסיווע אַקציעס פון דער ישראל־מאַכט. ס'איז נויטיק אויסצובררייטן די טעטיקייטן צווישן דער יידי־שער באַפעלקערונג און דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד כדי דורכצופירן די פאָלגנדיקע צילן:

1) אַ פולשטענדיקע ענדערונג אין דער איצטיקער ישראלדיקער אויסערן־פּאָליטיק. דאָס מיינט: אויפגעבן אַנעקסיעס און אָננעמען די יו־ען רעזאָלוציע, מיט אַלע אירע טיילן.

2) אויפדעקן פאַר די יידישע מאַסן די גיפטיקע אידעאָלאָגיע פון ציוניזם און באַקעמפן דעם איינפלוס פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע אויף זיי. אָפּשאַפן דעם באַגריף, לויט וועלכן מדינת ישראל ווערט אידענטיפיצירט מיטן ציוניסטיש־ראַסיסטישן באַגריף פון אַ יידישן שטאַט [דאָס הייסט, פירן אַן אויפקלערונג, אַז די דאָזיקע צוויי באַגריפן האָבן גאָרנישט געמיינשאַפטלעכעס — פ. ה.].

3) פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן די פאַרלוימדערישע אַטאַקעס אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער.

4) אָנפירן אַ קאַמף קעגן דער ליניע, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין ציוניזם און וואָס דריקט זיך אויס אין מיניմיזירן די קאַמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם. צעוויקלען אַ מיליטאַנטע קאַמפּאַניע קעגן אַנטיסעמי־טיזם. פאַרדאַמען די אַזוי־גערופענע „דזשואיש דעפענס ליג". קעמפן פאַר דער ליקווידירונג פון די אַקטיוויטעטן פון דער דאָזיקער פראָ־פאַשיסטישער, כוליגאַנישער גרופּע.

5) צעוויקלען אַ קאַמפּאַניע קעגן דעם וואוקס פון ראַסיזם און שאָ־וויניזם אין געוויסע סעקטאָרס פון דער יידישער באַפעלקערונג.

ווי מיר זעען וואַרפט סנה אַ בלבול אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן מיט זיין אויסטייטש, אַז זי אידענטיפיצירט מדינת ישראל מיט אַ ראַסיסטיש־ציוניסטישן שטאַט. דער פאַקט איז, אַז זי רופט די יידישע מאַסן נישט צו דערלאָזן, אַז די הערשער פון ישראל זאָלן אַרויפצווינגען זייער ראַסיסטיש־ציוניסטישע פּראָגראַם אויפן ישראל־פאָלק. סנה גייט נאָך ווייטער אין זיין פאַלסיפיצירונג. ער דערוועגט זיך צו זאָגן: „די פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראיי־ניקטע שטאַטן פאָדערט, אַז אירע יידישע מיטגלידער זאָלן אָנהויבן אַן אַקטיוון קאַמף קעגן דעם באַגריף, אַז מדינת ישראל איז אַ יידישער שטאַט, ווייל דאָס איז אַ ראַסיסטיש־ציוניסטישער באַגריף". די דאָזיקע באַשולדיקונג איז, פונקט ווי זיינע פריערדיקע פאַרלוימדונגען, אַ מאָנסטערהאַפטער ליגן. מיר האָבן אויסגעפונען פון דער דערקלערונג, אַז די אַמעריקאַנער קאָמ־פּאַרטיי שטיצט די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון ישראל אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע, געזיכערטע מדינה אויפן מיטל־מזרח. די אַמעריקאַנער קאָמ־פּאַרטיי קעמפט אָבער, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, קעגן דער אימ־פּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון די ציוניסטישע מאַכט־האָבער פון ישראל, וואָס איז אַן אומגליק פאַרן ישראל־פאָלק.

סנה איז אויף אַזוי ווייט פאַרקראָכן אין זומפּ פון שאָוויניזם, אַז יעדער אַרויסטריט קעגן דער אַנעקסיאָניסטיש־רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון דער ישראל־מאַכט איז ביי אים פאַררעכנט געוואָרן אַלס אַן אויסדרוק פון אַנטי־סעמיטיזם. ווי דאָס איז געוועזן דער פאַל מיט די סאָציאַל־שאָוויניסטן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דעם אולטראַ־פּאַטריאָטישן בורזשואַזן לאַגער. מק"י האָט זיך דערווייטערט פון קלאַסן־קאַמף־פּאָזיציעס און האָט אויפגעהערט דיפערענצירן צווישן די מאַכט־האָבער פון ישראל, וואָס צווינגען־אַרויף אויפן פאָלק זייער רעאַקציאָנערע, אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק, און די ישראלדיקע פאָלקס־מאַסן, וועלכע ליידן

פֿון דעם.

פּונקט אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן אין זיינע פּאַרלוימדונגען אויף דער אַמעריקאַנער קאָם־פּאַרטיי זוכט סנה, אין יענעם אַרטיקל, צו באַשמוצן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון פֿראַנקרייך אַלס „אַנטיסעמיטיש". ער „רעכנט זיך אָפּ" מיט דער פֿראַנצויזישער קאָם־פּאַרטיי פֿאַר איר פּרינציפּילערער, אַנטי־אימפּעריאַליסטישער שטעלונג און קומט ווידער אַמאָל אַרויס מיטן „גרויסן ליגן". ער ציטירט אַ זאַץ פֿון אַ רעדע פֿון אַ פֿירער פֿון דער פּאַרטיי ראָלאַן לעראָי און שטעלט אים, אָן דער מינדסטער בושה, מיטן קאָפּ אַראָפּ. דער זאַץ לייענט זיך: „לטובת דעם פֿראַנצויזישן פֿאָלק, לטובת דעם פֿאָלק פֿון ישׂראל גופֿא, לטובת דעם וועלט־שלום און, פֿאַרשטייט זיך, לטובת די יידן איבער גאָר דער וועלט, איז נויטווענדיק צו פֿירן אַ קאַמף קעגן דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פֿון ישׂראל". ס'קען פֿאַר קיינעם קיין פֿראַגע ניט זיין, אַז לעראָי רופֿט צו באַקעמפֿן די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פֿון די מאַכט־האָבער פֿון ישׂראל, ווייל זי איז קעגן די אינטערעסן פֿון די פֿאָלקס־מאַסן אין דער יידישער מדינה און קעגן די אינטערעסן פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אומעטום. וואָס מאַכט אָבער דר. סנה פֿון דעם? ער דרקיט זיך אויס: „דאָס מיינט, אַז עס איז... די פֿליכט פֿון יידן צו פֿירן, אין זייערע לענדער, אַן אַנטי־ישׂראל קאַמף". האָבן מיר ווידער אַמאָל דאָס זעלביקע. ביי סנהן קומט־אויס, אַז פֿירן אַ קאַמף קעגן די רעאַקציאָנערע הערשער פֿון דער יידישער מדינה מיינט „פֿאַרראַטן ישׂראל". ער זעט נאָר די אינטערעסן פֿון דער ישׂראלדיקער בורזשואַזיע, די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער און פֿאָלקס־מאַסן האָבן אויפֿגעהערט פֿאַר אים עקזיסטירן, כאָטש מק"י זוכט איינצורעדן אירע נאָכפֿאָלגער, אַז זי „שטיצט" דעם קלאַסן־קאַמף.

מיר האָבן פֿריער אָנגעוויזן, אַז סנה, מיקוניס און זייערע תלמידים פֿאַרבינדן זיך מיט רעגנאַטן־גרופּע אויסערהאַלב ישׂראל און זוכן צו שאַפֿן, אויף ווי־ווייט מעגלעך, שטערונגען און מחלוקת אין קאָמוניסטישן לאַגער. לאָמיר זיך אַ ביסל באַקענען מיט זייערע אינטריגעס אויף די דאָזיקע געביטן. אין נומער 11, 1970, פֿון זייער ענגלישן אינפֿאָרמאַציע־בולעטין איז געווען געדרוקט אַן אינטערוויו מיט מיקוניסן, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט פֿאַרענדיקט אַ רייזע קיין רומעניע און שוועדן, וואו ער האָט געזוכט צו שטעלן זיך אין פֿאַרבינדונג מיט די דאָרטיקע קאָמוניסטישע פֿירער און צו „געווינען פֿריינט" פֿאַר מק"י. ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן איז דער אינטערוויו געגעבן געוואָרן אין אַן אָפּטימיסטישן טאָן, ס'מערקט זיך אָבער, אַז מיקוניסעס רייזע האָט נישט געבראַכט קיין ווינטשלעכע רעזולטאַטן. ער האָט געמוזט צוגעבן, אַז די קאָמוניסטישע פֿירער, מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט, האָבן אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו דער עקספּאַנסיאָניסטישער פּאָליטיק פֿון די ישׂראל־הערשער. באַזונדערס איז דאָס געוואָרן קלאָר אין זיין געשפּרעך מיטן פֿירער פֿון דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג פֿון נאָרוועגיע. דער אינטערוויואירער לאָזט אונדז וויסן:

„וואָס איז שייך דעם באַיקאָט, וואָס די קאָמוניסטישע וועלט־באַוועגונג האָט אַרויפֿגעצוואונגען אויף מק"י האָט חבר מיקוניס געזאָגט:

„איך האָב געהאַט באַגעגענישן נאָר מיט פֿאָרשטייער פֿון די רו־

מענישע און שוועדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען. ביי אַ געוויסער געלעגנהייט האָב איך זיך געטראָפן מיטן סעקרעטאַר פון דער נאָרוועגישער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. איך האָב געפילט, אַז ער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פונעם באַגריף, אַז די זעקס־טאָגיקע מלחמה איז נישט געווען קיין פאַרטיידיקונג־מלחמה".

מיקוניס באַטאָנט, אַז מק"י וועט טאָן אַלץ וואָס וועט זיין אין אירע כוחות ווייטער פאָרצוזעצן אירע ברעכערישע טעטיקייטן אין קאָמוניסטישן לאַגער. ער דריקט זיך אויס: „דער דאָזיקער געשפּרעך [דער געשפּרעך מיטן קאָמוניסטישן יוגנט־פירער פון נאָרוועגיע — פּ. ה.] האָט מיך אָבער איבערצייגט, אַז ס'איז כדאי צו טרעפן זיך, אַזוי אָפט ווי מעגלעך, מיט פאָרשטייער פון פאַרשיידענע קאָמוניסטישע פּאַרטייען".

כדי אַפּנים צו פאַרשטאַרקן די מאָראַל פון זיינע נאָכפאָלגער זאָגט מיקוניס: „איך האָב באַמערקט, אַז אַ צאָל פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן אָנגעהויבן אומאָפּהענגיק טראַכטן, פאַנגען אויך אָן צו רעעקזאַמענירן זייער צוגאַנג צו דער מיטל־מזרח פראַגע, אין גייסט פון מק"י". די דאָזיקע פאַרזיכערונג איז אָבער נישט מער ווי אַ פרומער וואונטש, וואָס מיקוניס האָט נישט געקענט באַגרינדן מיט קיין שום באַווייזן. ער דערמאָנט עטלעכע שפּליטער־גרופּן, וואָס געפינען זיך אין דעם זעלביקן לאַגער מיט מק"י און קומט צום אויספיר „דער אַלגעמיינער פאַרלאַנג איז, אַז יעדע קאָמוניסטישע פּאַרטיי [וואָס מיינט ביי מיקוניסן יעדע רעגענאַטן־גרופּע — פּ. ה.] זאָל איינגעלאַדן ווערן צו קאָנגרעסן און קאָנפערענצן". מיקוניס גיט נישט קיין שום באַשטעטיקונג פאַר זיין אומבאַגרינדעטער באַהויפּטונג. מען מוז באמת באַוואונדערן זיין רייכע פאַנטאַזיע. ס'איז אַלגעמיין באַקאַנט, אַז אַחוץ אין די פּובליקאַציעס פון די רעגענאַטן־גרופּעס, איז אַזאַ פאַרלאַנג נישט וואו נישט געהערט געוואָרן.

וואוהין מיקוניס צילט ווערט אגב קלאָר פון זיין זאָג: „ס'איז מעגלעך צו רעדן וועגן ענדערונגען אין קאָמוניסטישע פּאַרטייען וואָס מען קען פאָראויסזען אין דער ניט ווייטער צוקונפט. דאָס איז וויכטיק נישט נאָר פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, נאָר אויך פאַר ישראל. ווען מען פאַרשטייט די פּאַטריאָטישע, אינטערנאַציאָנאַלע באַגריפן פון מק"י פאַרשטייט מען אויך די פּראָבלעמען און לעגיטימע רעכט פון ישראל".

מיקוניסעס נביאות וועגן „ענדערונגען אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען... אין דער ניט צו ווייטער צוקונפט" איז ווידער אַ פּראָדוקט פון זיין פרוכטבאַרער פאַנטאַזיע. וויכטיק איז וואָס ער גיט אַליין צו, אַז מק"י שטעלט זיך די אויפגאַבע צו פאַרענטפערן, מיט איר „פּאַטריאָטישער" פּראָגראַם, פאַרן קאָמוניסטישן לאַגער די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון דער ישראל־מאַכט (ער באַצייכנט דאָס ווי „די לעגיטימע רעכט פון ישראל"). מיקוניס לייגט אָבער פאַלשע האָפענונגען אויף רעוויזיאָניסטישע שפּאַלטונגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואָס קומען אויך פאַר בלויז אין זיין פאַנטאַזיע. ס'איז נישט מער ווי אַן איינרעדעניש זיין ביזוויליקער זאָג:

„איך פריי זיך נישט מיט שפּאַלטונגען אין קאָמוניסטישע פאַר־

טייען. דער פאַקט איז אָבער, אַז עס זיינען פאַראַן היינט־צו־טאָג פיל שפּליטער־פּאַרטייען וואָס זיינען אין דער לאַגע פון מק״י. פון איין זייט מוז מען דאָס באַדויערן. פון דער אַנדער זייט שאַפט עס אָבער מעגלעכקייטן צו שטאַרקן די עלעמענטן, וועלכע שטעלן זיך קעגן דער ליניע פון באַיקאָט באַטרעטנדיק דעם וועג פון ענדערונגען פון אַלטן — צום נייעם״.

ס׳איז גאַנץ פאַרשטענדלעך וואָס ביי מיקוניסן מיינט „פון אַלטן — צום נייעם״. ביי אים מיינט עס אַן אויסבייט פון מאַרקסיזם־לעניניזם אויף רעוויזיאָניזם, אַ גליטש פון דער ליניע פון קלאַסן־קאַמף צו קלאַסן־קאָלאַבאָראַציע. „דאָס נייע״ מיינט ביי אים שטיצן די קאַלטע־מלחמה פּראָפּאַגאַנדע, עפענען אַ וועג פאַר סי־אַי־עי אינטריגעס אין סאָציאַליסטישן וועלט־סעקטאָר, אונטערגראָבן דעם אידעאָלאָגישן קאַמף אין די סאָציאַליסטישע לענדער קעגן רעוויזיאָניסטן און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע שטערער און ברעכער.

מען זוכט צו מאַכן אַ צוריקטריט

לעצטנס האָבן די פירער פון דער „מאָרגן־פרייהייט״ דערפילט, אַז זייער נאַציאָנאַליסטישע ליניע שטעלט זיי אין פאַרלעגנהייט פאַר זייערע אויפגעקלערטע לייענער, זיינען זיי גרייט צו מאַכן אַ צוריקטריט. פּ. נאָוויק שרייבט אין אַן אַרטיקל מערץ 26, 1972: „...די מערהייט פון דער פירערשאַפט פון דער דאָזיקער פּאַרטיי [מק״י] האָט אָנגעהויבן מאַכן קאָנצעסיעס אין דער ריכטונג פון אַנעקסיע און ס׳איז אויסגעקומען ביי עטלעכע געלעגנהייטן אָנצווייזן, אַז מיר גייען זיך פונאַנדער מיט מק״י אין דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע״. ...אַרטיקלען, אָבער, בנוגע דעם שלום האָבן מיר געדרוקט און דרוקן נאָר פון די פירער, וואָס שטעלן פאָר די מינדערהייט אין צענטראַל־קאָמיטעט — ש. מיקוניס און אסתר ווילענסקאַ. דערביי האָבן מיר די לעצטע צייט, ביים דרוקן זייערע אַרטיקלען אָנגעוויזן, אַז מיר זיינען מסכים מיט זיי...״

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אַפּאָלאָגיע, אין וועלכער די ווירקלעכע פאַקטן ווערן פאַרהוילט. די „מאָרגן־פרייהייט״ האָט, אין משך פון פינף יאָר צייט, געשטיצט די שטעלונג פון מק״י אָן רעזערוואַציעס און האָט געהאַלטן אין איין פאַרשפּרייטן איר שעדלעכע פּראָפּאַגאַנדע. נאָר לאָמיר אַ קוק טאָן אויף מיקוניסעס שטעלונג, מיט וועלכער פּ. נאָוויק איז יאָ מסכים. אין אַן אַרטיקל אין דער „מ־פ״ (אויג. 29, 1971) דערקלערט מיקוניס: „מיר זיינען געווען און געבליבן ביי אונדזער שטרעבונג... צו אַן אַלגעמיינעם שלום־הסכם מיט אונדזערע שכנים... אויפן גרונט פון באַשלוס פון זיכערקייט־ראַט נומער 242. מיר זיינען קעגן פאָרבאַדינגונגען פון ביידע צדדים... דאָס וויכטיקסטע איז, פאַרשטייט זיך, דער הסכם. די פאַרשטענדעניש פון איין צד קעגנאיבער די לעגיטימע רעכט פון צווייטן צד. דער שלום צווישן גלייכבאַרעכטיקטע...״

אָבער דאָס איז דאָך אַ פולשטענדיקע דופּליקאַציע פון דער שטעלונג, וואָס משה סנה האָט געהאַט. מיקוניסעס רייד וועגן „פאַרהאַנדלונגען אָן פאָרבאַדינגונגען״ און „שלום־הסכם אויפן גרונט פון דער יו־ען רעזאָלוציע״

(אויסדרוקן, וואָס מ. סנה פלעגט אָפט נוצן) זיינען דאָך, ווי ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, ניט מער ווי אַ דעמאַגאָגישע פּראַזעאָלאָגיע, כדי צו באַהאַלטן די פאָדערונג פאַר טיילווייזער אַנעקסיע פון אָקופּירטע שטחים (כאָטש מען זאָגט, אַז מען איז קעגן אַנעקסיעס). ווי קען מען רעדן וועגן „גלייכבאַרעכטיקטע צדדים", בשעת די ישראל־אַרמיי אָקופּירט גרויסע שטחים פון אירע אַראַבישע שכנים. אויב מק"י וואָלט באמת געשטרעבט צו אַ „גערעכטן שלום" וואָלט זי דען פאַרשוויגן אַזאַ אַגרעסיע? לאָמיר געדענקען לענינס וואָרנונג, אַז די כלומרשטע „אַרבעטער־פירער" וואָס פאַרשווייגן די אַגרעסיע פון „זייער" בורזשואַזיע, צוליב „פּאַטריאָטישע" מאָטיוון, זיינען פאַררעטער פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. דורך זיינע „נייע" טעזיסן זוכט מיקוניס ווידער אַמאָל צו פאַרדעקן דעם פאַקט, אַז דער איינציקער וועג פאַר שלום אויפן מיטל־מזרח איז פאַר דער רעגירונג פון ישראל צו אימפּלעמענטירן די יו־ען רעזאָלוציע פון 22־טן נאָוועמבער, 1967, וואָס פאָדערט אַ צוריקציאונג פון אַלע פאַרנומענע אַראַבישע געביטן.

אין אַ דיסקוסיע־אַרטיקל פאַר דער 17־טער לאַנד־קאָנפערענץ פון מק"י („פריי ישראל", אַפּריל 3, 1972) לאָזט אונדז מיקוניס וויסן, אַז ער האַלט זיך פעסט ביי דר. סנהס פּרינציפּן. ער שרייבט: „גייענדיק צום 17־טן צוזאַמענפאָר האָבן מיר אויפן וועג פאַרלוירן אונדזער טייערן חבר משה סנה, פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אונדזער פּאַרטיי. די טעזיסן וועלכע ער האָט נאָך באַוויזן אָנצושרייבן אַ קורצע צייט פאַר זיין פּטירה — זיינען מיט אַ גרויסער מערהייט אַקצעפּטירט [אָנגענומען] געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט. דאָס איז דער לעצטער צושטייער פאַר דער פּאַרטיי, און פאַר איר ווייטערדיקן וועג פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם חבר".

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל קומט ש. מיקוניס צו ווער ווייסט וויפלסטן מאָל אַרויס מיט זיין שאָוויניסטישער ליניע וועגן דער „פּאַרטיידיקונס־מלחמה". ער דריקט זיך אויס: „ווער עס מיינט, אַז דער קאַמף אין די טעג פון 6־10־טן יוני, 1967, ווי אויך די ‚אויסמאַטערונגס־מלחמה' פון מערץ 1969, ביז אויגוסט 1970, זיינען געווען פּאַרטיידיקונגס־מלחמות דער קען נישט נעגירן און אָפּוואַרפן די באַדערפעניש און נויטווענדיקייט אין אַ פּראָגנט פון נאַציאָנאַלער פּאַרטיידיקונג. דאָס דרינגט אויך אַרויס פון אַלעף־בית פון מאַרקסיזם־לעניניזם". האָבן מיר דאָ ווידער די שאָוויניסטישע פּראָפּאַגאַנדע וועגן דער „פּאַרטיידיקונס־מלחמה" און „נאַציאָנאַלן פּאַרטיידיקונגס פּראָגנט", וואָס מיקוניס זוכט צו פאַרשפּרייטן צווישן דעם פּראָגרעסיוון יידישן סעקטאָר, אונטער אַ הילע פון „מאַרקסיזם־לעניניזם". טאָ ווי קענען די פירער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אָננעמען, אַז מיקוניס זונדערט זיך אָפּ פון דער שאָוויניסטיש־רעוויזיאָניסטישער ליניע, וואָס מק"י האָט נאָכגעפאָלגט אונטער דר. סנהס פירערשאַפט און פאָלגט איצט נאָך? פאַרוואָס דערציילט מען די „מ־פ"־לייענער, אַז עס זיינען דאָ וועזנטלעכע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אין מק"י?

דאָס געשריי: מען וויל ברעכן די „מאָרגן־פרייהייט"

מיר הערן כסדר פון די וואָרטזאָגער פון דער „מאָרגן־פרייהייט", אַז זיי זיינען „אָביעקטיוו" און „באַלאַנסירט" און זיינען געטרייע נאָכפאָלגער פון מאַרקסיזם־לעניניזם, און די, וואָס קריטיקירן זייערע אידעאָלאָגישע אָפּנויגן, זיינען אויסן צו ברעכן די „מ־פ". דער אמת אָבער איז, אַז דער כיוון פון די געזונטע עלעמענטן אין די פּראָגרעסיווע יידישע רייען איז נישט צו עלימינירן די „מ־פ", נאָר אָנצואווייזן אויף אירע אידייאישע טעותן, באַטאָנענדיק, אַז עס נויטיקט זיך אַ באַנייטע אידעאָלאָגישע אויסגעהאַלטנקייט, כדי די „מאָרגן־פרייהייט" זאָל קאָנען פאַרנעמען איר פריערדיקע פּאָזיציע, ווי אַ קאַמפּס־אינסטרומענט פון די פּראָגרעסיווע יידישע אַרבעטער און פאָלקסמאַסן, וועלכע האָבן, מיט אַזוי פיל מסירת נפש זי געבויט און געשטיצט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

דער איצטיקער גאַנג פון דער „מאָרגן־פרייהייט", איר אָפּטמאָליקע אַנטי־סאָוועטישע שטעלונג, איר פאַרהוילטע אַפּאָלאָגיע פון ציוניזם, איר פאַלשער אויסטייטש פון דעם נאָוועמבער 1967 יו־ען באַשלוס — דאָס אַלץ רופט אַרויס אַ שטאַרקן ווייטיק אין די אויסגעהאַלטענע פּראָגרעסיווע יידישע רייען ביי אונדז אין לאַנד, און ביי די פּראָגרעסיווע יידן פון ישראל, סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַרגענטינע, אורוגוויי און אַנדערע לענדער. מיר געפינען פון צייט־צו־צייט, אין דעם וואָגיקן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אַ שאַרפן אָפּרוף קעגן די אידעאָלאָגישע פעלערן פון דער „מ־פ". אַזאַ קריטיק איז געבראַכט געוואָרן אין דעם מערץ, 1972־נומער (נומ. 3) פון ס־ה, אונטער אַ קאָפּ: „וואָס קומט פאָר אין דער ,מאָרגן־פרייהייט'?", וואו עס ווערט שטאַרק באַדויערט אַ פאַרדריסלעכע „מ־פ" אַטאַקע קעגן אַ סאָוועטישער פריינטשאַפט־דעלעגאַציע, וואָס האָט באַזוכט ישראל אין חודש יאַנואַר 1972. עס ווערט אויך אָנגעוויזן אויף דעם אַנטי־סאָוועטיזם פון דער „מ־פ" אין אַנדערע פאַלן, אויף איר כסדרדיקער שטיצע פון דער סנה־מיקוניס־ווילענסקא גרופּע א. א. וו. עס ווערט באַטאָנט, אַז אפילו אין די זעלטענע פאַלן, וואו די „מ־פ" רעדאַקציע מוז מאַכן אַ צוריקטריט פון איר רעוויזיאָניסטישער ליניע טוט מען דאָס אונטער פאַרשיידענע אויסריידן, אָן אַ זעלבסט־קריטישן צוגאַנג. אין דער דערקלערונג ווערט אונטערגעשטראָכן:

> „הכלל, די היינטיקע אָנפירער פון דער ,מאָרגן־פרייהייט' זיינען אַריבער אויף דער פּלאַטפאָרם פון מיטאַרבעט מיט געוויסע שאַטירונגען פון ציוניזם. דאָס זאָגן זיי, די אָנפירער פון דער מ־פ, מיר האַלטן אָבער, אַז אין דער גרונט־פראַגע, וואָס דרינגט אַרויס פון דער איצטיקער פּאָליטישער סיטואַציע, — אין דער אָפּשאַצונג פונעם כאַראַקטער פון דעם ישראל־אַראַבישן קריג — שטייט די מ־פ אויף דער פּאָזיציע פון ציוניזם, אומאָפּהענגיק פון שאַטירונגען, פונקט אַזוי ווי עס פאַרנעמט אַ ציוניסטישע פּאָזיציע די סנה־מיקוניס גרופּע אין ישראל [און דאָס אגב איז די סיבה פאַר דעם, וואָס די ,מאָרגן־פרייהייט' פּראָקלאַמירט די דאָזיקע גרופּע רעגענאַטן אַלס די כלומרשטע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ישראל; למשל, דעם 1־טן יאַנואַר, 1971,

שרייבט די רעדאַקציע פון דער מ״פ: ׳...מיר זיינען מסכים מיט מק״י, אָדער זי מיט אונדז, אַז ישראל האָט אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה זיך פאַרטיידיקט. דאָס איז פונדאַמענטאַל׳]״.

אָפּנויג פון דער קלאַסן־ליניע

ווי עס איז די טבע פון אַלע רעוויזיאָניסטישע אָפּנויגלער פּראָקלאַמירן די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרייהייט״, אַז זיי, און נאָר זיי, זיינען די אמתע נאָכפאָלגער פון לענינען. דער טרויעריקער פאַקט אָבער איז, אַז זיי האָבן אויפגעגעבן דעם קלאַסן־קאַמף און האָבן אויסגעביטן קלאַסן־פּאָזיציעס אויף פּאָזיציעס פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. אין דעם באַריכט, וואָס פּ. נאָוויק האָט אָפּגעגעבן ביי אַ „מאָרגן־פרייהייט״ קאָנפערענץ, אין אָקטאָבער, 1971, שטויסט מען זיך אָן אויף אַ מערקווירדיקער דערשיינונג. אין אָט־דעם לאַנגן באַריכט ווערט דער קלאַסן־קאַמף פון די יידישע האָרעפּאַשניקעס, און דער קלאַסן־קאַמף בכלל, קיין איין מאָל ניט דערמאָנט.

פּ. נאָוויק רעדט אין יענעם רעפעראַט וועגן „די פּאָסטריט פון דער צייט״, „די הויפּט־פּראָבלעמען, פאַר וועלכע דאָס יידישע פאָלק געפינט זיך״, „יידישע אינטערעסן״, „דאָגמאַטישקייט״, וועגן „פּאַן־אַראַבישן שאָוויניזם״, „פּרינציפּיעלע באַזעס״, „אַ ברייטע אייניקייט מיט מאַפּאַם־ציוניסטן, גאָלדמאַן־ציוניסטן, לעליוועלד־ציוניסטן״, „נאַציאָנאַלן ניהיליזם״, און אפילו וועגן „לענינס אַקסיאָמעס״, אָבער די דעטערמינירנדיקע ריכט־שנור פון מאַרקס און לענינען — דער קאַמף פון די אַרבעטער און אונטערדריקטע, עקספּלואַטירטע מאַסן קעגן דעם הערשנדיקן קלאַס איז דאָרט אינגאַנצן אויסגעלאָזט געוואָרן. דאָס האָט אויפגעהערט עקזיסטירן פאַרן רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט״.

די שטעלונג פון פּ. נאָוויק איז אָבער געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע מיט יאָרן צוריק, ווען די דעמאָלטדיקע „פרייהייט״ האָט זיך געפונען אונטערן פּאָליטישן קאָמפּאַס פון משה אָלגין. אין 1932 האָט פּ. נאָוויק פאַרעפנטלעכט אַ בוך „פּאַלעסטינע, די אַראַבער, דער ציוניזם״, וואו ער האָט געשריבן:

„דער ציוניזם, וועלכער איז פון סאַמע אָנהויב באַשאַפן געוואָרן ווי אַ מיטל אין קאַמף קעגן אַרבעטער־קלאַס, הערט ניט אויף צו שפּילן זיין ראָל... אין קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין די הענצעס קעגן ראַטן־פאַרבאַנד... ס׳איז נויטיק אַרויסצופירן דעם ציוניזם אין ליכט פון אָט־די וועלט־געשעענישן און [זיך באַקענען] מיטן אַוואַנטוריסטישן, אונטערדריקנדיקן, רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דעם ציוניזם... די יידישע בורזשואַזיע פון אַמעריקע שפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין דער ציוניסטישער אַוואַנטורע... [זי] וועט זוכן צו מאָביליזירן די יידישע מאַסן פאַר אירע צוועקן און פאַר די צוועקן פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם״ (פאָרוואָרט צום בוך).

וועגן די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע גרופּן אין ציוניזם שרייבט פּ. נאָוויק: „מיט דער הילף פון דער סאָציאַליסטישער פראַזע האָט מען פּרובירט — און מען פּרובירט — אָפּהאַלטן דעם אַרבעטער פון אַלגעמיינעם

קאַמף״ (זייט 108). אויף זייט 144 לייענען מיר: „דער ציוניזם, וועלכער האָט פון אָנהויב אָן געצויגן זיין יניקה פון אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָ־מען, האָט, ווי אַן אינסטרומענט פון רעאַקציע, געשטערט און שטערט, דעם קאַמף פאַר דער לייזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע, אָן וועלכער די נאַציאָ־נאַלע פראַגע קען נישט געלייזט ווערן״.

קיין ווייטערדיקע קאָמענטאַרן זיינען דאָ, דוכט זיך, ניט נויטיק. פּ. נאָוויקס דערקלערונגען פון 1932 רעדן פאַר זיך אַליין. זיי ווייזן וואָס פאַר אַ פּאָליטישע שליטוועג ער האָט זינט דעמאָלט דורכגעמאַכט. ווי מיר ווייסן טרעט ער איצט אַרויס מיט אַ טעאָריע, אַז עס זיינען דאָ „גוטע״ ציוניסטן און „שלעכטע״ ציוניסטן און, אַז „מען טאָר זיי אין איין טאָפּ ניט אַריינ־וואַרפן״. דער רעדאַקטאָר און די שרייבער פון דער „מאָרגן־פרייהייט״ הערן ניט אויף צו פאַרשפרייטן די דאָזיקע אַפּאָלאָגעטישע, פּראָ־ציוניסטישע טעזע אין אָן אַ שיעור אַרטיקלען, רעדעס, דערקלערונגען און פּראָקלאַמי־רונגען. אין זיין באַריכט ביי דער פאַראייאָריקער „מ־פּ״ קאָנפערענץ לאָזט אונדז פּ. נאָוויק ווייסן, אַז די „מאָרגן־פרייהייט׳ האָט אַלע מאָל געהאַט, און האָט איצט, אַ קעגנערישע שטעלונג צום ציוניזם״. מיר זעען אָבער פון זיינע ווייטערדיקע „אויפקלערונגען״, אַז דאָס ווערט אַפּנים געזאָגט, כדי אָפּצור־קומען, כדי צו באַרואיקן די געמיטער פון די בעסער אינפאָרמירטע לייענער, וואָס קענען ניט אַרונטערשלינגען די „נייע ווענדונג״ אין דער „מ־פּ״, בעת די „טעאָריע״ וועגן „גוטע״ און „שלעכטע״ ציוניסטן ווערט אַרויסגערוקט, כדי אָפּצושוואַכן דעם קאַמף אין די פּראָגרעסיווע רייען קעגן ציוניזם. פּ. נאָוויק זאָגט אין דעם רעפעראַט: „[מען מוז] דיפערענצירן! די ציוניסטישע באַוועגונג באַשטייט פון פאַרשיידענע ריכטונגען... [מען דאַרף] זוכן מיט־צואַרבעטן מיט ציוניסטן אין קאַמף קעגן מלחמה, ראַסיזם, פאַר דער רעזאָלו־ציע בנוגע דעם מיטל־מזרח. ווער עס באַגרייפט דאָס ניט, ווער עס גייט צו צו דעם ענין דאָגמאַטיש, וואַרפט אַריין אַלעמען אין איין טאָפּ, דער גראָבט אונטער דעם קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם, שאָוויניזם און רעאַקציע צווישן די יידישע מאַסן!״

אין אָט־דער דערקלערונג ווערט אָבער דער אמת געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ. דער וועג צו קעמפן קעגן דער רעאַקציע איז אויפצודעקן דעם שאָ־וויניסטישן פּנים פון ציוניזם, וואָס שטערט, ווי נאָוויק גופא האָט געזאָגט מיט וואָסערע 40 יאָר צוריק, אין דעם דאָזיקן קאַמף. וואָס איז שייך אַ פאַראיי־ניקונג אין קאַמף פאַר שלום רייסט זיך פּ. נאָוויק אין אָפענע טירן. אין דער שלום־באַוועגונג זיינען אָנגעשלאָסן מענטשן פון אַלע פּאָליטישע שאַטירונ־גען און פון יעדן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן מצב. אפילו דער פּויפּסט מאַכט אָפּט דערקלערונגען פאַר שלום. דער לאָזונג וועגן „מיטאַרבעטן מיט ציוניסטן פאַר דער רעזאָלוציע בנוגע דעם מיטל־מזרח״ איז באַזונדערס שעד־לעך און פאַרפירעריש, איבערלאָזנדיק דעם איינדרוק, אַז ס׳איז כלומרשט פאַראַן אַ מין ציוניזם, וואָס טראָגט אַ ליבעראַלן כאַראַקטער, איז פאַר שלום אָן אַנעקיעס, און איז ניט קעגן די קלאַסן־אינטערעסן פון די יידישע אַר־בעטער. אַזאַ ציוניזם איז, פאַרשטייט זיך, ניטאָ. דאָס איז פון יענע לאָ־זונגען וועלכע לענין האָט פאַרדאַמט, אין דער צייט פון דער ערשטער

וועלט־מלחמה, אַלס אַן אויסדרוק פון שאָוויניסטישן פאַרראַט פון קלאַסן־קאַמף און קאַמף פאַר סאָציאַליזם. פ. נאָוויק זאָגט, אַז עס „מוז איינגעשטעלט ווערן אַ וואָס ברייטערע אייניקייט... מיט מאַפּאַם־ציוניסטן, גאָלדמאַן־ציוניסטן, לעליוועלד־ציוניסטן". נאָוויקס „גוטער" ציוניסט ראַבאַי אַרטור לעליוועלד איז דאָך אָבער ביז ניט לאַנג צוריק געווען דער פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס שטיצט פולשטענדיק די שפאַרבערשע פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג און געפינט זיך אין פאַרפאָרנט פון די אַנטי־סאָוועטישע העצער. מאַפּאַם איז אָנגעשלאָסן אין דער רעגירונג־קאָאַליציע פון ישראל. די „לינקע" מיטגלידער פון מאַפּאַם, אויף וועלכע פ. נאָוויק שטעלט אַזוי שטאַרק, זיינען נאָענט צו דער פּאָליטישער ליניע פון מק״י.

איצט לאָמיר זען ווי אַזוי פ. נאָוויק האָט זיך אויסגעדריקט וועגן קלאַסן־קאַמף מיט 40 יאָר צוריק. באַלד אינעם פאָרוואָרט פונעם בוך, פון וועלכן מיר האָבן פריער ציטירט, געפינען מיר דאָס פאָלגנדיקע:

> „קאָמוניסטן גייען צו צו די אַראַבער ווי צו וועלכן עס איז פאָלק, פון דעם שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־קאַמף. די אַרבעט פון די שאָוויניסטן איז צו רעדן פון די אַראַבער ווי אַנטיסעמיטן רעדן פונעם יידן... ס'זיינען אָבער ניטאָ קיין סתם אַראַבער, ווי עס זיינען ניטאָ קיין סתם יידן. עס זיינען פאַראַן קלאַסן. אין פּאַלעסטינע קומט פאָר אַ קלאַסן־קאַמף... וואָס שאַרפער די ליניע פון קלאַסן־קאַמף ווערט אונטערגעשטראָכן, אַלץ ווינציקער שאַנסן פאַר דער יידישער בורזשואַזיע אָדער פאַרן בורזשואַזן אינטעליגענט, צו פאַרפירן יידישע אַרבעטער פאַר די קלאַסן־אינטערעסן פון דער בורזשואַזי".

ווי אַנדערש איז אָט־די אָפּשאַצונג, מיט וועלכער מיר זיינען פולשטענדיק מסכים, פון די בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע דערקלערונגען, וואָס מיר הערן איצט פון „מאָרגן־פרייהייט" רעדאַקטאָר.

פ. נאָוויקס צוגאַנג צו דער אַראַבישער פראַגע מיט 40 יאָר צוריק

ווי מיר זעען האָט פ. נאָוויק אין דער פראַגע פון די פּאַלעסטינער אַראַבער, און די אַראַבישע פעלקער אויפן מיטל־מזרח, אַ היפּש ביסל „אַ קער געטאָן דעם דישל". דאָ מוז מען ווידער זאָגן: ס'וואָלט געווען כדאי פאַרן רעדאַקטאָר פון דער „מ־פ" אָפּפרישן אין זיין זכרון די ליניע וואָס ער האָט געהאַט אין שייכות צו דעם דאָזיקן ענין מיט יאָרן צוריק. לאָמיר ווידער אַמאָל אַ קוק טאָן וואָס ער שרייבט וועגן דעם אינעם בוך „פּאַלעסטינע, די אַראַבער, דער ציוניזם". מיר לייענען דאָרט:

> „קען ווער צווייפלען, אַז די באַוועגונג אין עגיפּטן, פּאַלעסטינע, סיריע איז... געווענדט אויף צו צעשמעטערן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם? וועגן דעם קען גאָר קיין פראַגע ניט זיין. און דעריבער מוז די באַוועגונג געשטיצט ווערן פון אַרבעטער קלאַס, פון אַלע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע עלעמענטן, אפילו ווען די באַוועגונג ווערט ניט אָנגעפירט פון אַרבעטער" (זייט 126).

„דער קאַמף אין עגיפּטן, ווי אין סיריע, פּאַלעסטינע, טראַנסיאַר־דאַניע, איראַק.... איז אַ רינג אין דער קייט פון רעוואָלוציעס אין די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער... און כדי דאָס צו באַ־גרייפן אין דער גאַנצער גרויס, איז נויטיק די גאַנצע נאַציאָנאַלע באַ־וועגונג צו באַטראַכטן אין ליכט פון לעניניזם און אין ליכט פון קלאַסן־קאַמף...".

אין זיין באַריכט צו דער פּאַראַיאַריקער „מאָרגן־פרייהייט" קאָנפערענץ קומט אָבער פּ. נאָוויק אַרויס מיט גאָר אַנדערע רייד. דאָרט זאָגט ער: „זייער [די אַראַבישע] פּאַראייניקונג בנוגע ישראל — אויף וויפל זיי קאָנען זיך פאַראייניקן — איז געווען אַ פּאַן־אַראַביש שאָוויניסטישע און ניט קיין אַנטי־אימפּעריאַליסטישע" ביי די לייענער פון דער „מ־פ" קען, אַזוי אַרום, זיך באַ־קומען, אַז די פּאַראייניקונג פון די אַראַבער צוריקצוגעווינען די טעריטאָריעס, וואָס זיינען פאַרנומען געוואָרן דורך די הערשער פון ישראל אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, איז אַן אויסדרוק פון „פּאַן־אַראַבישן שאָוויניזם". ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל הערן מיר פון נאָוויקן אַלאַרמירנדיקע דערקלערונגען וועגן „בלוטיקע פאַרפּלאָנען פון קאָמוניסטן אין די אַראַבישע לענדער". ער רעדט כסדר וועגן „ערנסטע טעותן" אין „געוויסע קרייזן" אין שייכות צו דער אַראַבישער פראַגע, ניט נעמענדיק אין אַכט, אַז אויב די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַפרייאונג באַוועגונגען גייען מיט זיגזאַגן און שטויסן זיך אָן אויף שוועריקייטן און אונטערברעכונגען, טראָגן זיי אָבער אַ פּראָגרעסיוון כאַראַקטער.

אַוודאי דאַרף מען ניט איגנאָרירן די עקסטרעמיסטישע עלעמענטן אין די אַראַבישע ריידן, וואָס זיינען, אין אַ גרויסער מאָס, געשאַפן געוואָרן, אונ־טער דער ווירקונג פון דער אַגרעסיווער 6־טאָגיקער מלחמה, דער אָקופּאַ־ציע מצד דער ישראל־רעגירונג פון אַראַבישע טעריטאָריעס און דער לאַנג־יאָריקער אונטערדריקונג פון די פּאַלעסטינער אַראַבער. די שטעלונג און אַקציעס פון די דאָזיקע עלעמענטן, וואָס טאָגן זיך נאָך אַלץ אַרום מיט אי־לוזיעס וועגן אָפּווישן ישראל, דאַרפן באַקעמפט ווערן, און ווערן באַקעמפט. מען דאַרף אָבער אויך געדענקען, אַז די באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַ־פרייאונג איז אַ וואַקסנדיקער שליסל־פאַקטאָר אין דער אַראַבישער וועלט, שטאַרקנדיק די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע כוחות און פירנדיק צו אַ גרעסערער קאָאָפּעראַציע מיטן סאָציאַליסטישן וועלט־סעקטאָר, בעת די „דעמאָקראַטישע" הערשער פון ישראל פאַרפּלאָנטערן זיך וואָס אַמאָל מער אין דער וואַשינג־טאָנער אימפּעריאַליסטישער נעץ.

לעגין האָט אָנגעוויזן, נאָך אין 1916, אין זיין „סומירונג פון דער דיס־קוסיע וועגן זעלבסט־באַשטימונג": „די וואָס האָבן אַ גלויבן, אַז מען קען אפילו טראַכטן וועגן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, אָן אַ רעוואָלט פון די קליינע פעלקער אין די קאָלאָניעס און אין אייראָפּע, און אָן רעוואָלוציאָנערע אויפ־ברויזן מצד טיילן פון דער קליין־בורזשואַזיע, מיט אַלע זייערע פּאַראורטיילן, ווי אויך אָן די קאַמפן פון די, פּאָליטיש־אומאַנטוויקלטע, פּראָלעטאַרישע און סעמי־פּראָלעטאַרישע מאַסן קעגן נאַציאָנאַלע און אַנדערע אונטערדריקונ־גען פון לענדלאָרדס, דער קירך און די מאָנאַרכיסטן — האָבן אַזאַ גלויבן

מיינט אויפגעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע".

באַמערקנסווערט איז וואָס די דאָזיקע ציטאַטע פון לעניגען איז געב־בראַכט געוואָרן אין אַן ענגלישער בראָשור „פּאַלעסטאַיטן", געשריבן פון פּ. נאָוויק גופא, אין 1936. אַנווייזנדיק אויף דער שעדלעכער ציוניסטישער פּאָליטיק אין דער דעמאָלטדיקער פּאַלעסטינע באַטאָנט דאָרט פּ. נאָוויק:

„מען קען ניט באַרעכטיקן אַזעלכע אַקציעס [פון די ציוניסטן] מיט דעם וואָס מען געפינט חסרונות אין דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַ־פרייאונג. געוויס האָט די דאָזיקע באַוועגונג חסרונות... אמתע רע־וואָלוציאָנערן מוזן זיך אָבער באַטייליקן אין אַזעלכע באַוועגונגען, מוזן אָפּשוואַכן דעם איינפלוס פון די פּאַרפּירער, באַזייטיקן זיי און אַליין איבערנעמען די פירערשאַפט, כדי צו האַלטן די דאָזיקע באַוועגונגען אין אָרביט פון קאַמף קעגן דעם אמתן שונא — דעם אימפּעריאַליזם — און אַלע זיינע דינער..."

ס'איז קיין פראַגע ניט, אַז פּ. נאָוויק, וועלכער זעט איצט רק דעם „פּאַן־אַראַבישן שאָוויניזם", וואָלט געקענט קריגן אַ היפּש ביסל אויפקלערונג פון דעם, וואָס ער האָט געשריבן וועגן דעם מיט 35־40 יאָר צוריק.

אָפּאָרטוניזם אונטער דער מאַסקע פון אָנהאַלטן די באַזע

די וואָרטזאָגער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" פרואוון באַרעכטיקן זייער איצטיקע פאַלשע טאַקטיק דערמיט וואָס זיי ווילן כלומרשט זיך ניט אָפּ־רייסן פון די יידישע מאַסן. עס הייסט, אַז „מען מוז אָפּהיטן און איינהאַלטן די פּראָגרעסיווע באַזע", ווי פּ. נאָוויק דריקט זיך אָפּ אויס. אין אַן „ענטפער צו אַ לייענער" (מ־פ, פעב. 24, 1971) ווערט געזאָגט: „ציוניסטן,ציוניסטישע סימפּאַטיקער מאַכן־אויס אַ מערהייט פון יידישן פאָלק פון אַמעריקע, אויב מען זאָל זיי מיט איין זשעסט אָוועקמאַכן בלייבט פונעם פאָלק אַ קליינע מינ־דערהייט, וואָס איז פאַרמשפּט צו לעבן אין איזאָלאַציע... אַט־אַזוי מוזן מאַרקסיסטן־לעניניסטן אַרבעטן אינעם אַמעריקאַנער פאָלק".

כדי „זיך נישט צו איזאָלירן פונעם פאָלק" ווערט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אויסגעביטן פּרינציפּן אויף אַן אָפּאָרטוניסטישער ליניע, דער אַג־רעסיווער ישראל־קריג פון 1967 ווערט אַ „פּאַרטיידיקונס־מלחמה", די זי־כערקייט־ראַט רעזאָלוציע ווערט פאַלש אויסגעטייטשט, די אַראַבישע נאַציאָ־נאַלע באַפרייאונג באַוועגונגען ווערן „פּאַן־אַראַבישער שאָוויניזם", דער סאָ־וועטן־פאַרבאַנד און נאָך סאָציאַליסטישע לענדער ווערן אַטאַקירט און פאַר־לוימדעט (פּ. נאָוויק רעדט וועגן „טעותן און אפילו פאַרברעכנס" אין דער סאָציאַליסטישער וועלט; אין אַ „מ־פ" עדיטאָריעל, יאַנואַר 1, 1971, ווערט דער לענינגראַדער פּראָצעס איבער פאַרכאַפּער פון אַ סאָוועטישן עראָפּלאַן פאַרגליכן צו אַ משפט איבער באַסקער פרייהייט־קעמפער אין דער פאַשיס־טישער שפּאַניע) — דאָס אַלץ ווערט געטאָן, כדי „זיך ניט צו איזאָלירן פון פאָלק", און אויף דעם דאָזיקן אָפּאָרטוניזם ווערט נאָך אַרויפגעלייגט אַ שטעמפּל פון „מאַרקסיזם־לעניניזם".

לענין האָט שאַרף געוואָרנט קעגן אַזאַ פאָרם פון אָפּאָרטוניזם אָנווייזנדיק:

„...מיר זיינען די פּאַרטיי, וואָס פירט די מאַסן צום סאָציאַליזם, און כלל

נײַט די פּאַרטיי, וואָס גייט נאָך יעדן קער אין דער שטימונג, אָדער דעגראַדאַציע פון דער שטימונג, פון די מאַסן. אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָבן איבערגעלעבט צייטן, ווען אין די מאַסן האָט געהערשט אַן אַפּאַטיע, אָדער זיי זײַנען מיטגעריסן געוואָרן דורך אַ וועלכן עס איז פעלער, דורך אַ וועלכער עס איז מאָדע [שאָוויניזם, אַנטיסעמיטיזם, אַנאַרכיזם, בורלאַנזשיזם א. א. וו.]. אָבער אויסגעהאַלטענע רעוואָלוציאָנערע ס.־ד. גיבן זיך קיינמאָל נישט אונטער אַ געשאַפענעם קער אין די שטימונגען פון די מאַסן". אָט ווי באמת אויסגעהאַלטענע פּראָגרעסיווע פירער דאַרפן צוגיין צו דער דאָזיקער פראַגע. זיי דאַרפן איינזען, אַז דער בעסטער וועג צו פאַרשטאַרקן די פּראָגרעסיווע באַוועגונג איז דורך אויפקלערן די מאַסן, באַהעפטן זיי מיט אַ פּרינציפּיעלער, געזונטער שטעלונג, און נײַט שטויסן זיי נאָך ווייטער אין דער ריכטונג פון רעוויזיאָניסטישן נאַציאָנאַליזם. די, וואָס גיבן זיך אונטער צו ברייט־פאַרשפּרייטע שאָוויניסטישע שטימונגען, פאַרשוועכן זייערע פּרינציפּן און גרויסן זיך דערבײַ, אַז „זיי האַלטן אין זייער באַזע" ווילן נישט זען, אַז זיי הייבן אָן פאַרלירן זייער פּראָגרעסיוון פּנים. זיי רעדן וועגן „רעספּעקט פאַרן פאָלק", זיי פעלט אָבער דער אמתער פאָלקס־רעספּעקט. זיי זײַנען צו קורצזיכטיק צו באַגרייפן, אַז די פאָלקס־מאַסן געפינען סוף־כל־סוף אַ וועג צו באַפרייען זיך פון שאָוויניסטישן טשאַד, אויב אפילו זיי דאַרפן אַריבערטרעטן איבער די קעפּ פון זייערע נאַציאָנאַליסטישע „פירער".

קריטיקירנדיק די פּאָליטישע ליניע פון די פירער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" מוז אָבער גלייכצייטיק ווידער אַמאָל באַטאָנט ווערן, אַז די דאָזיקע קריטיק באַצוועקט צוריקצופירן די צייטונג צו דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער אידייאישער ליניע, וואָס זי האָט פריער געהאַט; צו שטעלן זי אויפסנײַ אונטער אָלגינס אידייאישן קאָמפּאַס. מען מוז אויך פעסטשטעלן, אַז די „מ־פ" נעמט אַ ריכטיקע שטעלונג אין קאַמף קעגן דער גרויליקער מלחמה אין וויעטנאַם און נאָך לענדער אין דרום־מזרח אַזיע, ווי אויך אין אַ צאָל אַנדערע פראַגן. ס'דאַרף שטאַרק אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דאָ גייט בשום אופן נײַט אין עלימינירן די „מאָרגן־פרייהייט", נאָר אין פאַרריכטן אירע אידעאָלאָגישע פעלערן, כדי זי זאָל קענען אויפסנײַ פאַרנעמען אַ געהעריקע קאַמפּס־פּאָזיציע אין דער פּראָגרעסיווער יידישער באַוועגונג, פון וועלכער זי איז, צום באַדויערן, לעצטנס אָפּגעטראָטן. מיר שליסן זיך אָן אין דער דערקלערונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וואו עס ווערט אויסגעדריקט די האָפענונג, „אַז די מ־פ וועט געפינען אין זיך די כוחות בײַצוקומען די שווערע צײַט און ווידער זיך אומקערן צום מצב פון אַ שלאַכט־טריבונע פאַרן פּראָגרעסיוון יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן".

JEWISH AFFAIRS

Published bi-monthly by the Communist Party, U.S.A.
(in English)

News and articles on current events and issues, in the U.S.A. and abroad, of interest to Jewish Americans.

25¢ per copy • Subscriptions: 12 issues $2.50, 6 issues $1.25

JEWISH AFFAIRS
23 West 26 Street • New York, N. Y. 10010

PAMPHLETS OF 20th NATIONAL CONVENTION, COMMUNIST PARTY, U.S.A.

CAPITALISM ON THE SKIDS TO OBLIVION
the people's struggle for a new beginning
Report to the Convention by Gus Hall, General Secretary.
96 pages—50¢

BLACK AND WHITE—ONE CLASS, ONE FIGHT
the role of white workers in the struggle against racism
Report to the Convention by Henry Winston, National Chairman.
48 pages—50¢

FOR A PARTY OF MASS ACTION
new conditions, new tasks of the Party in the '70s
Report to the Convention by Daniel Rubin, Organizational Secretary. **24 pages—40¢**

THE FIGHT TO FREE ANGELA DAVIS
its importance for the working class
Report to the Convention by Charlene Mitchell, National Secretary of the Black Liberation Commission. **12 pages—25¢**

TOWARD CHICANO LIBERATION
the Communist Party position
Resolution on Chicano liberation adopted by the Convention.
24 pages—40¢

OUR NATION'S CRISIS AND HOW TO SOLVE IT
main political resolution
Adopted by the Convention and subsequently edited by the Party's Central Committee. **96 pages—65¢**

OTHER NEW PAMPHLETS

STRATEGY FOR A BLACK AGENDA **by Henry Winston**
A discussion of the concept of the Black people as an internal colony within the United States. Points out the fallacy of the concept, its anti-Marxist nature. Exposes the racist and anti-working-class ideology of Herbert Marcuse, and the use of separatism by the oppressors of the Black people and all workers. Challenges the positions of Imamu Amiri Baraka and Stokely Carmichael, shows how these serve reactionary bourgeois interests. Shows the inseparable unity of interests of the Black people and the entire working class in their struggles against monopoly oppression; emphasizes that a strategy of united struggle of Black and white workers is necessary to win Black liberation.
32 pages—40¢

At bookstores or order from

NEW OUTLOOK PUBLISHERS

32 Union Square East • Room 801 • New York, N. Y. 10003
Orders must be prepaid (no stamps). Add 20¢ postage on orders under $2.00. New York purchasers include sales tax.

WRITE FOR COMPLETE LIST